P. KROPOTKIN.—APPEAL TO THE YOUNG.

צום יונגען דור

פון

פּ. קראָפּאָטקין.

איבערזעצט פון

א. פרומקין.

HARVARD
UNIVERSITY
LIBRARY

ניו יאָרק.
1901

22

פארוואָרט.

מיר פאַנגען אָן אַרויסצוגעבען פון צייט צו צייט, נאָך מעגליכקייט, בראָשורען פאַרן אידישען לעזע־פּובליקום און דיא ערשטע, מיט וועלכע מיר הויבען אָן, איז דיא ווענדונג פון דעם גרויסען דיינקער און רעוואָלוציאָנעד פּ ע ט ע ר ק ר א־ פּ אָ ט ק י ן „צום יונגען דור“.

עס איז זיך שווער פאָרצושטעלען א יונגען מענשען, אויב זיין מוח איז נאָך ניט פערפּעסטעט פון אונזער ביזנעס־וועלט, אויף וועלכע דיעזע וואהרהייטען, וואס זיינען אַרויס פון אזא ריינעם גייסט, זאלען ניט מאכען דעם געוואונשטען איינדרוק; עס איז זיך שווער פאָרצושטעלען אן עלטערן מענשען, אויב זיין הארץ איז נור ניט פערדאָרבען געווארען פון דער בּלוטיגער ברודער־שלינגעריי אין אונזער געזעלשאפט, וועלכער זאָל ניט געריהרט זיין פון דעם ים פון זודיגע געפיהלען, וואס זיינען אַריינגעגאָסען געווארען אין דיזען קליינעם ביכעלע. און קיין

וואונדער ניט, וואס דיזע ווענדונג „צום יונגען דור“ איז איבער־זעצט געווארען אין אלע אייראָפּעאישע שפּראַכען און האט ערוועקט געדאַנקען אין אַזוי פיעל מוחות און האט מיט דער זודיגער היץ פון וואהרע מענשענליעבע בעוועגט אַזוי פיעל הערצער און געוואונען אַזוי פיעל קעמפּפער פאַר אַ בעסערער וועלט.

אַזוי וויינינ איז דאָ גערעדט און אַזוי פיעל איז דאָ גע־זאָגט! דא איז אין ריינע, קלאָהרע און הייסע ווערטער ארויס־געגעבען דיא קווינט־עסענץ פון דער סאָציאַלער בעוועגונג, פון רעוואָלוציאָנערען שטרעבען, — דעריין האט א גרויסער גייסט, א נאָבעלע הארץ, אַ טאַפּפערער קעמפּפער און א ריינער גע־וויסען אַפּעלירט צו דעם יונגען דור, טריפענדיג אין יעדען וואָרט דאס בלוט פון זיין הארצען און בעלייכטענדיג יעדען זאץ מיט אַ שטראַהל פון זיינע ליכטיגע געדאַנקען. און עס איז ארויס דער איינפאַכער, ריינער אמת, וועלכער האט צוגעצויגען צום קאַמפּף דיא נאָבעלסטע און שטאַרקסטע נאַטורען.

דאס זיינען ווערטער, וועלכע אַפּעלירען צו דאס מענש־ליכע אין מ ע נ ש ע ן, אין דעם אידען וויא אין דעם קריסט, אין דעם מאַן וויא אין דער פרוי, אין דעם לעהרער וויא אין דעם ישילער, אין דעם רייכען, וויא אין דעם אָרעמאַן — עס מאַכט אַלע הערצער שלאָגען אין איין האַרמאָנישער איינשטימונג פיר דעם קאַמפּף פון דעם עלענדען און אונטערדריקטען געגען דעם הערשער און אויסזויגער. דיא מענשען מיט אַ ריינערן געוויסען קענען ניט בעפרידיגט זיין פון דער וויסענשאַפט, ווען זיא איז בלויז אַ לוקסוס־זאַך, מיט דער מעדיצין, ווען זיא איז בלויז אַ שווינדעל, מיט דעם געזעץ, ווען ער איז בלויז אן אונגערעכ־

טינקייט, מיט דער טעכנישער ענטדעקונג, ווען זיא איז נור א א מיטעל צו עקספלואטאציאָן, מיט דער קונסט, ווען זיא מוז דעזשענערירט ווערן און מיט אלע דיא ערווערבונגען אין דער געזעלשאפט, אויב זייא פיהרען ניט צו א בעסערן לעבען פיר אלע ארבייטענדע מענשען־קינדער. און א בעסער לעבען פיר אלעמען קען נור דאן ערוואָרבען ווערן, ווען דיזע אלע אונבעפרידינגטע ווענען זיך אריינוואַרפען אין קאמפף פאר דיא ענידעריגטע, בעליידיגטע און בערויבטע אין דיזער וועלט.

געזט דיזע ווערטער פון ליעבע, טראָגט זיי אויף צווישען אנדערע; זעעט דיזע וואהרהייטען, וואו איהר קענט—„יעדער שקלאף איז א מענש, און יעדער מענש איז א העלד, ווען זיין וואפע איז ליעבע און וואהרהייט"—האט געזונגען אונזער אידי־שער פראָלעטאריער־פּאָעט, און מיט דיעזע וואפע וועט מוזען געוואונען ווערן א נייע, א פרייע־וועלט.

מ. קאַטץ.

ניו יאָרק, מערץ 23, 1901.

צום יונגען דור

פון

פ. קראַפּאָטקין

1

אַזוי ווי דאָס ביכעלע איז געשריבען פֿאַר דער יוגענד, מעגען עס די אַלטע — די אַלטע אין גייסט — אַוועקלייגען אין א זייט און ניט מוטשען זייערע אויגען אומזיסט, דען זיי וועלע דאָך מיר סיי ווי סיי ניט פֿערשטעהן.

איך נעהם אָן, אַז איהר זייט אַלט אַכטצעהן אָדער צוואַנציג אָהר; איהר האָט נור וואָס געענדיגט אייער שטודיום אָדער יך אויסגעלערנט אַ מלאָכה און איהר האָט ברעה אַריינצו-טרעטען אין לעבען. איהר זייט אויך, האָפֿענטליך, בעפֿרייט פֿון'ם אַבערגלויבען, אין וועלכען מע האט אייך ערצויגען. איהר האָט שוין קיין מורא ניט פֿאַר'ן טייפֿעל און געהט מן הסתם מעהר ניט פֿערלירען אייער צייט אין קירכע אָדער אין שוהל. איך האַלט אייך אויך ניט פֿאַר קיין פוסטע פֿראַנטען, וועלכע מעסטען אוים די גאַסען און זוכען זייער פֿערגניגען אויף די טראָטואַרען... איך שטעל מיר איבערהויפט פֿאָר, אַז אייער האַרץ איז אויף'ן ריכטיגען פלאַץ און דערפֿאַר וויל איך צו אייך רייִרען.

אַ-נ׳ ערנסטע פֿראַגע הויבט אייך אָן צו מוטשען: „וואָס זאָל איך ווערען?" ווען מע איז יונג איז לייכטער צו בע-גרייפֿען, אז מע האט ניט פֿערבראַכט עטליכע יאהר, לערנענדיג א געוויסע פּראָפֿעסיאָן אָדער א וויסענשאַפֿט, אויף׳ן חשבון פֿון דער געזעלשאַפֿט, פֿערשטעהט זיך — אום עס נאָכדעם אין גאנצען אויסצוניצען פֿיר אייגענע צוועקע, אָהנע צו דיינקען ווען עס איז מיט די עררייכטע קענטניסע עטוואַס צו טהון פֿיר דער בעפֿרייאונג פון די, וועלכע שמאַכטען אין עלענד און אין אונוויסענהייט.

איהר זייט געווים פֿון די, וועלכע האָבען איבער דעם נאָכגע-דיינקט, האַ? נון, לאָמיר זעהן, וואָס האָט איהר בדעה צו טהון, אום אייער חלום זאָל מקוים ווערען.

אין וואָס פֿיר א מזל דו ביסט געבוירען געוואָרען, ווייס איך ניט. מעגליך, אַז דו האָסט געהאַט דאָס גליק צו שטודי-רען, דו ווילסט ווערען דאָקטאָר, אַדוואָקאַט אָדער אַזוי א גע-לעהרטער. א ברייט פֿעלד עפֿענט זיך פֿאַר דיר אויף. דו געהסט אַריין אין לעבען מיט קענטניסע און מיט פֿעאיגקייטען; אָדער דו ביסט אַנ׳ איינפֿאַכער עהרליכער אַרבייטער, וועמעס וויסענ-שאַפֿטליכע קענטניסע זיינען אמת ניט זעהר גרוים, וועלכער האָט אָבער דאַפֿיר געהאַט די געלעגענהייט זיך אָנצוזעהן מיט׳ן שרעקליכען, אָנשטרענגענדען לעבען פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט.

איך וועל מיר דערווייל אָבשטעלען ביי דער ערשטער בע-הויפּטונג. לאָמיר אָננעהמען אַז דו האָסט גענאָסען א וויסענ-שאַפֿטליכע ערציהונג און דו ווילסט ווערען . . דאָקטאָר.

מאָרגען וועט קומען א מאַן אין אַנ׳ אַרבייטער-בלוזע דיך רופֿען. ער וועט דיך פֿיהרען אין איינע פֿון יענע ענגע געסליך, וואו די הייזער פֿון ביידע רייהען שטעהען אזוי נאָהענט איינע צו די אנדערע, אז די שכנים קענען זיך פֿון די פענס-טער געבען די הענד. ביים שיין פֿון א קליין לעמפעלע, אין א פֿערפעסטעטער לופֿט, אויף בלאָטיגע טרעפּ. געהסט דו ארויף צוויי, דריי, פֿיער, פֿינף שטאָק, און דאָרט, אין א פֿינסטערן, קאַלטען און ליידיגען צימערל, אויף א צובראָכענעם געלעגער, געפינסט דו א קראַנקע פֿרוי, איינגעהילט אין טראַנטעס. מאָגערע, בלייכֿע קינדערליך, האַלב נאַקעט און פֿערפֿראָרען, קוקען דיך אָן מיט אָפֿענע אייגעליך. דער מאַן האָט זיין גאַנצען לעבען לאַנג געאַרבייט צוועלף אָדער דרייצען שטונדען א טאָג; יעצט געהט ער שוין זייט דריי מאָנאַט ארום ליידיג; און ליידיג אַרומגעהן, אין זיין אַרבייט, איז ניט קיין זעלטענ-הייט. עס ווידערהאָלט זיך יעדעס יאָהר פעריאָדיש. פֿריהער, ווען ער האָט קיין אַרבייט געהאַט, פֿלעגט זי, די פרוי געהן אַר-בייטען, וואַשען דיינע העמדער, אפשר – פֿיר א פֿראנק מיט 50 סענטים א טאָג. יעצט אָבער ליגט זי שוין אין איהר קראנקען בעט זייט 2 מאָנאַט און גרויזאַם איז די נויטה פֿון דער פֿאַמיליע.

וואָס וועסט דו פֿערשרייבען דער קראנקער, דאָקטאר? יויסענדיג גאַנץ גוט, אַז די אורזאַכֿע פֿון דער קראַנקהייט איז קיין אַנדערע זאַך ניט ווי אַלגעמיינע בלוט-אַרמוטה, מאַנגעל אין גוטע ״שפייזען און אין געזונטע לופֿט, וואָס ווערסט דו איהר ראַטהען? אַ גוטען בראָטען יעדען טאָג? אַ שפאַציר אונטער׳ן פֿרייען הימעל? אַ טרוקענעם, אויסגעלופֿטערטען

צימער ? אַך, וואָס פֿאַר דומהייטען ! ווען די פֿרוי וואָלט עס געקענט בעהויפטען וואָלט זי עס שוין לאַנג געטהון און ניט געוואַרט אויף דיינע עצות !

אויב דו האָסט א גוט הערץ און אַנ׳ עהרליכען בליק וועט דיר די פֿאַמיליע דערצעהלען א היבש ביסעל זאַכען. זי וועט דיר פֿערטרויען אַז די פֿרוי, אין דער צווייטער שטוב, וועלכע הוסט אזוי שרעקליך, איז אַן אָרעמע פרעסערען; אז אין דער וואוינונג, א טרעפּ נידעריגער, ליידען אַלע קינדער פֿון פֿיבער; אַז די וועשערין אונטען, ביים אַריינגאַנג, איז אזוי קראַנק, אז זי וועט ניט אויסהאַלטען דעם ווינטער, אויך אז אינ׳ם צווייטען הויז זעהט עס נאָך אויס אַסך ערגער.

וואס ווערסט דו אָט די אַלע קראַנקע זאָגען ? גוטע שפּייזען, א בעסערע לופֿט און א לייכטערע אַרבייט ?... יאָ, דו וואָלסט עס געמעגט זאָגען, אָבער דו וואַגסט עס ניט, און מיט אַ צו בראָכען האַרץ, מיט א פֿלוך אויף די ליפען, געהסט דוא פֿון דאָרט אַרויס.

אויף מאָרגען, ווערענד דו ביסט נאָך פֿערטיעפֿט אין דיינע געדאַנקען איבער דעם וואס דו האָסט זיך אָנגעזעהן און אָנגעהערט אין יענעם אָרימען הייזעל, קומט דיין חבר, אויך א דאָקטאָר, און דערצעהלט דיר, אז נעכטען איז אַ לאַקיי אין א קאַרעטע איהם געקומען רופֿען. ער האָט איהם אַוועקגעפֿיהרט אין איינעם פֿון די רייכסטע האָטעל׳ן, צו א קראַנקער, א רייכע דאַמע, וועלכע האָט פֿערבראַכט איהר גאַנצעס לעבען אין טואַלעטען-מאַכען, אין טאַנצען, אויף-זיין גאַנצע נעכט אויף באַלער און זיך אַרומרייסען מיט א גראָבען יונג, א מאַן. דיין פֿריינד האָט איהר געראַטהען צו ענדערן אַביסעל איהר לע-

בענס-אַרט, עסען ניט אַזעלכע אויפרעגענדע שפייזען, בערוהיגען איהר גייסט און זעהן מאַכען אַביסעל גימנאַסטיק אין שטוב, וואָס זאָל אויף וויפיעל עס ניט איז דיענען אַנשטאַט דער קערפערליכער, פראָדוקטיווער אַרבייט, וועלכע איז נייטיג אויפצוהאַלטען דאָס געזונד.

מערקווירדיג! איינע שטאַרבט דערפאַר, ווייל איהר גאַנצעס לעבען לאַנג האט זי ניט געהאַט גענוג צו עסען, האָט קיין מאָל ניט געהאט קיין אָברוה; די אַנדערע שטארבט אויך, אָבער דערפאַר, ווייל זי האָט אויף איהר לעבען ניט געוואוסט וואָס ארבייטען הייסט...

אויב דו האָסט איינע פון יענע ווייכע נאַטור'ן, וועלכע קענען זיך צו אַלעס צוגעוואוינען, וועלכע קענען אָבקומען מיט אַזויפיל אויף די שרעקליכע ערשיינונגען, אָדער פערגיסען מיט א כוסה די צרות... דאַן ווערסט דו זיך זיכער וואָס ווייטער אַלץ מעהר צוגעוואוינען צו דיזע קאָנטראַסטען, און, ערוועקענדיג אין דיר דעם טהירישען אינסטינקט, ווערסט דו ניט מעהר האָבען ווי איין אידעאַל, איין איינציגען וואונש זיך אריינצומאַכען אין דער רייהע פון די „גליקליכע", אום זיך קיינמאָל ניט צו געפינען צווישען די אָרעמע און די אונ-גליקליכע.

אויב דו ביסט אָבער אַ מענש, אויב יעדעס געפיהל צייגט זיך אַרויס ביי דיר אין א טהאַט, אויב די „חיה" האָט נאָך אין דיר אין גאַנצען ניט געטויטעט דעם „מענשען", דאָס אינטעלעקטועלע וועזען, דאַן ווערסט דו אין אַ שיינעם טאָג קומען אַהיים און אויסרופען: „ניין, דאָס איז אונגערעכט, דאָס טהאָר ניט אָנגעהן אַזוי! עס האַנדעלט זיך דאָ ניט צו קורירען

אויסצוהיילען די קראַנקהייטען, זאָנדערן זיי צו פערמיידען. עטוואַס מעהר וואָהלזיין און אַ בעסערע גייסטיגע ענטוויקלונג וואָלטען גענוג זיין אויסצומעקען פון אונזערע ליסטעס אַ העלפֿט פֿון די קראַנקע און די קראַנקהייטען. צום טייפֿעל מיט דיא רפואות! לופֿט, עסען, לייכטערע אַרבייט, מיט דעם דאַרף מען אַנפֿאַנגען, אויב ניט, איז די גאַנצע דאָקטאָריע ניט מעהר ווי אַ שווינדעל."

יענעם טאָג ווערסט דו האָבען בעגריפֿען דעם סאָציאַליזמוס. דו ווערסט זיך ווערען מיט איהם בעקענען ווייטער און אויב דער אַלטרואיזמוס, די מענשענליעבע, איז ניט קיין פוסטעס וואָרט ביי דיר, דאַן ווערסט דו ענדליך מוזען אַריינטרעטען אין אונזערע רייהען און, אַזוי ווי מיר, אַרבייטען פֿאַר דער סאָצ-יאַלער רעוואָלוציאָן.

פֿילייכט אָבער ווערסט דו זיך קלערען: „אַה, צו וואָס טויג מיר די פראַקסיס? אַזוי ווי דער אַסטראָנאָם, דער פֿיזיקער, אָדער דער כעמיקער וועל איך מיך גאָר איבערגעבען דער ריינער וויסענשאַפֿט."

לאָמיר זיך אַלזאָ ראשית כל פֿערשטענדיגען וואָס דו ווילסט געפֿינען אין דער וויסענשאַפֿט. זאָל עס גאָר פשוט זיין דאָס פערגעניגען, דאָס אונגעהיירע פערגעניגען אמת, וואָס אונזער נאָכפאָרשען פערשאַפֿט אונז? אויב אַזוי, וואָסזשע, פֿרעג איך, איז די נפקא מינה צווישען דעם געלעהרטען, וועלכער גיט זיך איבער דער וויסענשאַפֿט. נאָר אום צו פֿערברענגען זיין לעבען אַנגענעהם, און צווישען דעם שכור, וואָס זוכט אויך

אין לעבען זיין מאָמענטאַנעם פערגעניגען און וועלכער געפינט עס אין'ם וויין? עס איז, אמת, גאר קיין ספק ניט, אז דער געלעהרטער האָט אויסגעקליבען אַ בעסערע קוועלע, פון וואַנען צו שעפּען זיינע פערגעניגען. דאָס ענדערט דאָך אָבער ניט דעם צוועק, און דער אַזוי ווי יענער, דער שכור אַזוי ווי דער געלעהרטער, האָבען דעם זעלבען עגאָאיסטישען ציעל זייער אייגענעם פערגעניגען.

אָבער ניין, דו וועסט זיך ניט צופרידענשטעלען מיט אַזאַ עגאָאיסטישען לעבען. אַרבייטענדיג פיר דער וויסענשאַפט מיינסט דו אויך צו אַרבייטען פיר דער מענשהייט. אָט די אידעע וועט זיין דיין וועג-וועיזער אין דיינע אונערמידענדע פאָרשונג . . .

יאָ, וואָס פאַר אַ שיינע אילוזיאָן, וואָס פאַר אַ שיינער חלום! און ווער פון אונז האָט עס ניט איבער איבערגעלעבט, זיך איבערגעבענדיג צום ערשטען מאָל דער וויסענשאַפט?!

אָבער אויב דו דענקסט ווירקליך אָן דער מענשהייט, אויב דיזער אידעאַל בעגלייטעט עס דיך אין דיין שטודיום, דאַן וועסט דו זיך מוזען אָנשלאָגען אָן אַן אונגעהייערן קלאָץ אויף דיין וועג. דען, אויב דו האָסט אַ ריכטיגע אורטיילסקראַפט, אויב דו קענסט קוקען טיעף אין לעבען, וועסט דו גלייך בעמערקען, אַז אין דער יעצטיגער געזעלשאַפט איז דיא **וויסענשאפט** ניט מעהר ווי אַ „לוקסוס-זאַך", וועלכע דיענט נור צו מאַכען דאָס לעבען פון איינִיגע זיס און אַנגענעהם, און צו וועלכער דער גרעסטער טהייל קאָן לחלוטין ניט צוקומען.

עס איז שוין דאָ מעהר ווי אַ גאַנצער יאַהרהונדערט, זייט די וויסענשאַפט האָט פעסטגעשטעלט געזונדטע בעגריפע איבער

די ענטשטעהונג פֿון דער וועלט. ווי קליין איז אָבער די צאָהל פֿון די, וועלכע האָבען געהאַט אַ מעגליכקייט אַנצואייגנען זיך דיזע בעגריפֿע! וויפֿיעל זיינען עס דאָ, וועלכע האָבען זיך געקענט אויסאַרבייטען אַ וויסענשאַפֿטליכען, אַ ריכטיגען גייסט פֿון קריטיק?

אַ הייפֿעל פֿון עטליכע טויזענד אפשר, וואָס פֿערלירען זיך אין'ם גרויסען ים פֿון די הינדערטע מיליאָנען, וועלכע זיינען נאָך פֿערוואַקסען מיט פֿאָראורטהיילע, וועלכע גלויבען נאָך אין אַלערליי נאַרישקייטען און ווערען דאַרום אונטעריאָכט אונד אַרומגעפֿיהרט ביי דער נאָז פֿון די רעליגיעזע בעטריגער.

אָדער גיב נאָר אַ קוק אויף דער **היגיענע**. אָט דיעזע וויסענשאַפֿט לערנט אונז, ווי אַזוי צו לעבען, אום אָבצוהיטען די געזונדהייט פֿון אונזער קערפער; ווי אַזוי אויפֿצוהאַלטען אין אַ גוטען צושטאַנד די צוזאַמענהויפֿונג פֿון דער בעפֿעל-קערונג. זי ווייזט אונז דעם וועג צו אַן אינטעלעקטועלען און מאָראַלישען וואָהל-זיין. אָבער איז דען ניט אָט די אונגעהייער גרויסע אַרבייט אַרויסגעוואָרפֿען? האָבען דען אָט די אַלע דיקע ביכער אַסך אַ גרעסערן ווערטה ווי איינפֿאַכע „שמות", וואָס בלייבען נוצלאָז? און פֿאַר וואָס? — ווייל די וויסענ-שאַפֿט געהערט היינט נאָר צו אַ הייפֿעלע פֿון פריווילעגירטע פֿון מיוחסים; ווייל די סאָציאַלע אונגלייכהייט, וועלכע צוטהיילט די געזעלשאַפֿט אין צוויי קלאַסען, אין לאָהן-שקלאַפֿען און קאַפּיטאַליסטען, מאַכט, אַז אָט די אַללע לעהרען איבער אונ-זערע לעבענסבעדינגונגען זאָלען אויסקוקען אַזוי ווי אַ חוזק, עפּעס אַזוי ווי אַ מין „פורים-שפיעל" פֿאַר ניין-צעהנטעל פֿון דער מענשהייט.

איך וואָלט דיר געקענט ברענגען נאָך אַסך אַזעלכע ביי-שפּיעלע, אָבער איך וועל עס מאַכען בקצור. טרעט נור אַרויס פֿון די ד׳ אַמות פֿון׳ם געלעהרטען; געה נור אַרויס פֿון פּויסט׳ס שטודיר-צימער, וואו די פֿענסטער זיינען אַזוי בעדעקט מיט שטויב, אַז די שיין פֿון׳ם טאָג קען קוים אַריינקומען אַהין. געה אַרויס און קוק זיך נור אַרום אַביסעל, דו וועסט דאַן, אויף יעדען שריט און טריט, אַליין געפֿינען בעווייזע פֿעסטצושטעלען דאָס וואָס איך האָב געזאָגט.

עס האַנדעלט זיך שוין יעצט ניט צו זוכען נייע וואַהרהייטען, צומאַכען נייע וויססענשאַפֿטליכע ענטדעקונגען. עס האַנדעלט זיך, פֿריהער פֿאַר אַלעמען צו פֿערברייטען אָט די וואַרהייטען, וועלכע די וויסענשאַפֿט האָט אונז צוגעשאַרט, זיי אַריינצוברענגען אין לעבען, זיי צו מאַכען פֿיר אַ זאַך וואָס **זאָל געהערען אלעמען**, עס איז פֿיר אַלעמען נייטיג, אַז די גאַנצע מענשהייט, אַלע, אַלע זאָלען ווערען פֿעהיג די וואַר-הייטען אויפֿצונעהמען און זיך מיט זיי צו בענוצען. די וויס-סענשאַפֿט דאַרף אויפֿהערען צו זיין אַ „לוקסוס" און מוז ווערען דער באַזיס, דער גרונד-שטיין פֿון **אלעמענס** לעבען. אָט אַזוי וויל די גערעכטיגקייט.

אַהוץ דעם איז עס נייטיג פֿיר דער וויסענשאַפֿט זעלבסט, אַז זי זאָל ניט בלייבען אין אַן ענגען, אַרומגעצאַמטען צירקעל. זי קאָן נור דאַן מאַכען פֿאָרשריטע, ווען אַ נייא-ענדעקטען וואַהרהייט געפֿינט שוין אָנגעגרייט אַ ברייטען צירקעל פֿון מענשען, וועלכע זיינען פֿעהיג איהר אויפֿצונעהמען.

אָבער אויך דאָס אַלעס וועט דיר אַריין אין קאָפּ, וועסט דו פֿערשטעהן, אַז פֿאַר אַלע זיעבען זאַכען איז גאָר נייטיג איבערצובויען דעם גאַנצען בנין, צו ענדערן אין גאַנצען אונזער געזעלשאַפֿטליכע אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע פֿעראורטהיילט דעם געלעהרטען זיך אָנצושטאָפּען מיט וויסענשאַפֿטליכע וואַהרהייטען און אַ וועלט מיט מענשען צו בלייבען דום און אונוויסענד, אַזוי ווי זייערע עלטער-זיידעס מיט 5 אָדער 10 יאַהרהונדערטע צוריק. און דאַן, אין דעם טאָג, ווען אָט די אמת וויסענשאַפֿטליכע, אָט די ברייטע, מענשליכע אידעע וועט געפֿינען פּלאַץ ביי דיר אין מוח, וועסט דו אָנווערען דעם חשק צו דער „ריינער" וויסענשאַפֿט און דו וועסט נעהמען זוכען מיטלען, ווי אַזוי צו ברענגען די געזעלשאַפֿטליכע אומוועלצונג וואָס פֿריהער. פֿון יענעם טאָג אָן געהערסט דו דעם סאָציאַליזמוס. דו וועסט ניט מאַכען קיין סך שהיות, וועסט אַריינטרעטען אין אונזערע רייהען און אַנשטאַט דעם וואָס דו האָסט זיך ביז אַהער בעשעפֿטיגט צו פֿערשאַפֿען גענוס און פֿערגעניגען פֿיר אַ קליין הייפֿעלע פֿון מענשען, וועלכע זיינען שוין זאַט פֿון תענוג אָהן דיין זוכען אויך, וועסט דו יעצט אָנהייבען צו אַרבייטען פֿיר דער בעפֿרייאונג פֿון דער אונטערדריקטער, ליידענדער מאַסע.

II

אויב דו האָסט, אַנשטאַט **מעדעצין**, געהאַט די געלעגענהייט צו לעהרנען **יוריד** און דו האָסט בדעה צו ווערע

אדוואקאט טראָגסט דו זיך מן הסתם אויך אַרום מיט דעם זעלבען שיינעם חלום, מאַכסט זיך אויך די פֿיינע אילוזיאָנען איבער דיין צוקינפֿטיגע טהעטיגקייט — נאַטירליך, אָננעהמענדיג, אַז דו ביזט פֿון דער נאַטור אַ מענשענפֿריינד. מעגליך, אַז דו דיינקסט: „זיך אַריינצוואַרפֿען אין קאַמפף אויף טויט און לעבען געגען יעדע אונגערעכטיגקייט! זעהן, אַז דאָס „געזעץ", דער אויסדרוק פֿון דער העכסטער גערעכטיגקייט, זאָל אימער זיעגען. וואָס פֿאַר אַן אַרבייט קען זיין שענער ווי די, האַ?" און דו געהסט אַזוי אַריין אין לעבען, פֿול מיט צוטרויען צו דיר אַליין און צו דער בעשעפֿטיגונג; וועלכע דו האָסט זיך אויסגעקליבען.

נון, לאָמער אַקאָרשט מעביר זיין די סדרה פֿון „ואלה המשפטים", לאָמיר, ניט בלעטערנדיג, אויפֿעפֿענען דעם גע-ריכטליכען טאַגע-בוך און מיר וועלען הערען וואָס דאָס לע-בען דערצעהלט אונז.

אָט האָסט דו דאָרט אַ רייכען גוטס-בעזיצער. ער פֿערלאַנגט מע זאָל אַראָבטרייבען פֿון „זיינע" פֿעלדער דעם בויער, וועל-כער צאָהלט ניט דעם אָבגעמאַכטען שטייער פֿאַר די פֿעלדער, וועלכע ער האָט גערונגען. דאָס געזעץ, פֿערשטעהט זיך, וויל ניט וויסען פֿון קיין זאַך: אויב דער בויער צאָהלט ניט, מוז ער געהן. ווען מיר קוקען אָבער אַריין מיט **מענשליכע** אויגען אין דעם פּראָצעס, געפֿינען מיר פֿאָלגענדעס: דער גוטס-בעזיצער, דער בעל־הבית, האָט אימער פֿערשווענדעט די שטייערן וואס ער האָט אָבגענומען אויף לוסטיגע מאָהל-צייטען; דער בויער האָט שטענדיג געאַרבייט. דער גוטס-בעזיצער האָט גאָר ניט געטהון זיינע פֿעלדער צו פֿערבעסערן

און פּונדעסטוועגען האָבען זיי יעצט דריי מאָל אַזוי פּיעל די וערטה ווי מיט 50 יאָהר צוריק. א נייע אייזענבאַהן-ליניע לויפֿט יעצט ניט ווייט פֿון דאָרט, נייע וועגען זיינען געמאַכט געוואָרען, די זומפּפֿען אָבגעצויגען און דער פּערנאַכלעסיגטער, פֿערהאַרטעוועטער באָדען דורכגעגראָבען — אָט דאָס אַללעס האָט די פּעלדער געגעבען דעם דרייפֿאַכען ווערטה. און דער בויער, וועלכער האָט דערצו פּיעל בייגעטראָגען, האָט זיך רואינירט; איז אַריינגעפֿאַלען צו וואוכערער אין די האַנד, איז פֿערבאָרען אין חובות און קען דעם שטייער ניט צאָהלען. דאָס געזעץ, וועלכעס איז אימער די רעכטע האַנד פֿון דיא בעלי בתים, גיבט נאַטירליך יעצט אויך דעם גוטס-בעזיצער רעכט. דו אָבער, וואָס די „געזעצליכקייט" האָט נאָך אין דיר ניט געטויטעט דעם געפֿיהל פֿאַר גערעכטיגקייט, וואָס ווערסט דו אין אַזאַ פֿאַל טהון? ווערסט דו פֿערלאַנגען, אַז מע זאָל דעם בויער אַרויסוואַרפֿען אויף'ן מיט'ן וועג — אַזוי הייסט דאָס געזעץ! אָדער ווערסט דו פֿאָדערן, אַז דער גוטס-בעזיצער זאָל דעם בויער אַרויס צאָהלען דעם טהייל פֿון מעהר-ווערטה וואָס דאָס לאַנד האָט בעקומען דורך זיין אַרבייט? — אַזוי וויל דער יושר, די גערעכטיגקייט. אויף וואָס פֿאַר אַ זייט ווערסט דו שטעהן? פֿאַר'ן געזעץ אָבער געגען די גערעכטיג- קייט, אָדער פֿאַר דער גערעכטיגקייט און נויטווענדיגערווייזע געגען דאָס געזעץ?

דאָרט געהען אַרבייטער אַרויס אין סטרייק געגען זייער בעל-הבית, אָהנע איהם צו לאָזען וויסען מיט 15 טעג פֿריהער, אַז זיי ווען עס טהון, אַזוי ווי דער אָפּמאַך איז. וואס ווערסט דו טהון אין אַזאַ פֿאַל, אַדוואָקאַט? אויף וועמעס זייט ווערסט

דו זיך שטעלען ? אויף דער זייט פֿון׳ם געזעץ, בעסער געזאָגט, פֿאַר׳ן בעל הבית, וועלכער האָט, אין אַ קריזיס-צייט ויינע לאָהן-שקלאַפֿען עקספּלאָאַטירט אויף א שאָנדליכען אופן, אָדער געגען דאַס געזעץ, ד״ה פֿיר די אַרבייטער, וועלכע האָבען די גאַנצע צייט געאַרבייט פֿאַר אַ קלאָגליכען לאָהן און האָבען געמוזט צוקוקען ווי זייערע פֿרויען און קינדער געהן אוים פֿאַר זייערע אויגען ? וועסט דו פֿערטהיידיגען אָט די אויסגעבלאָזענע איי, די „פֿרייהייט פֿון אונטערהאַנדלונג״, דיא פינקטליכקייט פֿון אַן אָפּמאַך, אָדער דו וועסט זיך שטעלען אויף דער זייט פֿון׳ם יושר, פֿון דער גערעכטיגקייט, וועלכע זאָגט, אַז א קאָנטראַקט, אַן אָפּמאַך צווישען איינעם וואָס האָט אָפּגעגעסען אַ גוטען מאָהל-צייט און צווישען דעם וואָס פֿערקויפֿט זיין אַרבייט פֿאַר א ביסען ברויט — אַז אַזאַ קאָנטראַקט האָט קיין ווערדע ניט ?

און דאָ האָסט דו נאָך אַ פֿאַקט. אַ מאַן, אָרים געקליידעט. דרעהט זיך אַרום, אַרום אַ יאַטקע אין פאַריז. פלוצלונג לייגט ער די האַנד אויף א שטיקעל פֿלייש און אַנטלויפֿט דערמיט מע יאָגט איהם נאָך, מע כאַפּט איהם, מען אַרעסטירט איהם און מען הייבט אָן אויסצופֿרעגען ווער און וואָס ער איז, אוי אָט וואָס מע געפֿינט אוים: דער מאַן איז א-נ׳ ארבייטער. ער האט שטענדיג פֿערדינט מיט שוויים זיין שטיקעל ברויט, יעצט געהט ער אַרום ליידיג, ער קען קיין אַרבייט ניט קריגען. ער און זיין פֿאַמיליע האבען שוין זייט פֿיער טעג ניט געגעסען. מע בעט זיך רחמים ביים קצב, ער זאָל אָבלאָזען דיעזען אונגליקליכען מאַן. ער וויל ניט הערען, „די גערעכטיגקייט מוז זיעגען !״ זאָגט ער, און ער פֿיהרט ווייטער זיין קלאַגע. דער

מאַן ווערט פֿערמשפּט צו 6 מאָנאַט קערקער. אַזוי וויל דיא בלינדע „גערעכטיגקייט !"

וועט דיין געוויסען ניט רעוואָלטירען געגען דאָס געזעץ דער געזעלשאַפֿט, זעהענדיג טאַג-טעגליך אַ זעלכע און עהנ-ליכע אורטהיילע ? !

אָדער פֿיליכט וועסט דו פֿערלאַנגען, אז דאס געזעץ זאָל אַרויפֿלייגען איהר אייזענע האַנד אויף יענעם מאַן, פֿערפֿיהרט, פֿערדאָרבען פון זיין קינדהייט אָן, ערצויגען אָהנע ווען עס איז צו הערין אַ וואָרט פון צערטליכקייט — וועסט דו פֿאָרדערן, אַז דאס געזעץ זאָל זיך אין איהם נוקם זיין, דער פֿאַר וואָס ער האט דערהרג'עט זיין שכן, אום ביי איהם צו צונעהמען 5 פֿראַנק ? וועסט דו פֿערלאַנגען, מען זאָל איהם גילאָטינירי (אָפּ שניידען דעם קאָפּ אויף א מאַשין וואָס הייסט גילאָטינע) אָדער — וואָס איז אַ סך ערגער — מע זאָל איהם איינשפּאַרע ערגעץ וואו, אין אַ-נ' אַסטראָג, אויף צוואַנציג יאָהר, ווערענד דו ווייסט גאַנץ גוט. אז ער איז גיכער א קראַנקער איידער אַ פֿערברעכער און אז, יעדענפֿאַלס, פֿאַלט די שולד פון זיי פֿערברעכען אויף דער גאַנצער געזעלשאַפֿט !

וועסט דו פֿערלאַנגען, מען זאָל אַריינוואַרפֿען אין די פֿינס-טערע קעמערליך פֿון קערקער יענע אָרעמע וועבער, וועלכע האָבען, אין אַ מאָמענט פֿון אויפֿרעגונג, אונטערגעצינדען די פֿאַבריק ? מע זאָל אַרויף ציהען אויף דער תליה יענעם מאַן, וועלכער האט געשאָסען אויף אַ געקרוינטען באַנדיט ? מען זאָל אויסשלאַכטען דיעזעס רעוואָלטירענדעס פֿאָלק וואָס האָט אַרויסגעשטעלט אויף די באַריקאַדען דעם פֿאָהן פֿון דער צוקונפֿט ?

— ניין, טויזענד מאָהל ניין !

אויב דו וועסט נאָכדענקען אַנשטאַט צו ווידערהוילען דאָס וואָס מע האָט דיך אויסגעלערנט ; אויב דו וועסט אַנאַליזירען דאָס געזעץ און עס אָפּטהיילען פֿון'ם באַרג פון שאָהנע, הויך-קלינגענדע פּראַזען, אין וועלכע מע האָט עס איינגעוויקעלט, אום צו פֿערהוילען זיין אורשפרונג, וואָס איז קיין אַנדערע זאַך ניט ווי „דאָס רעכט פֿון'ם שטאַרקערן", און זיין עסענץ, זיין עצם, וואָס איז אין אלע צייטען געווען דיא אונטער-שטיצונג פון אלע אונטערדריקונגען, וואָס די אָרעמע מענש-הייט האָט געהאַט דורך צומאַבען אין פֿערלויף פון איהר בלוטיגער געשיכטע, ווען דו וועסט, זאָג איך, בעטראַכטען דאָס געזעץ אין זיין נאַטורליכער פֿאָרם וועסט דו עס פֿער-אַכטען, דו וועסט דאָן בעגרייפֿען, אַז בלייבען אַ דיענער פֿון'ם געשריבענעם געזעץ הייסט גאַנץ איינפֿאַך אָנפֿיהרען טאָג-טעגליך אַ מלחמה מיט'ן געזעץ פֿון'ם געוויסען, מאַכען אַ מסחר מיט דעם אייגענעם געוויסען. און אַזוי וויא אַ'אַ קאַמפף קען לאַנג ניט אָנהאַלטען וועסט דו מוזען אויס קלוי-בען איינס פון די צוויי : ענטוועדער דו וועסט דערשטיקען אין דיר דיין געוויסען און וועסט ווערען אַ שאַרלאַטאַן, אָדער דו וועסט שלאָגען כפרות מיט דער טראַדיציאָן, מיט'ן געזעץ, און דו וועסט אונז קומען צו הילפֿע, אַוועק צו מאַכען מיט אַלע אונגערעכטיגקייטען : עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און סאָצ-יאַלע.

דאַן אָבער וועסט דו ווערען אַ סאָציאַליסט, דאַן וועסט דו זיין אַ רעוואָלוציאָנער.

און דו, יונגער איזזשעניער, וואָס דו טראָגסט זיך אַרום מיט חלומות צו פֿערבעסערן די לאַגע פון די אַרבייטער, אַריינפֿיהרענדיג די ערפֿאַהרונגען פון דער וויסענשאַפֿט אין דער אינדיסטוריע, — וואָס פֿאַר אַ נ׳ ענטטוישונג ערוואַרטעט דיך! דו גיבסט זיך אין גאַנצען איבער מיט דיין מוח, דיין ניצליכע גייסטיגע ערנערגיע, אויסצואַרבייטען אַ פלאַן פֿון אַ-נ׳ אייזענבאַהן, וועלכע וועט זיך ציהען גאַנצע ליניעס, וועט דורכברעכען הויכע בערג און וועט פֿערבינדען צוויי לענדער וועלכע די נאַטור האָט אָבגעטהיילט איינע פון דער אנדערער.

אָבער צו טרעטענדיג צו דער אַרבייט זעהסט דו אין יענעם פֿינסטערען טונעל גאַנצע מחנות פון פֿערהונגערטע, קראַנקע אַרבייטער; דו זעהסט ווי פֿיעלע פון זיי געהען אַ היים, אמת מיט אַ ביסעל קליינגעלד אין די קעשענעס, אָבער מיט זיכערע סימנים פון שווינדזוכט אויף זייערע פנים׳ער; דו זעהסט וויא וויט די פֿערברעכערישע קאַרגשאַפֿט און די נאַכלעסיגקייט פון דער אייזענבאַהן-קאָמפּאַניע געהט, אז יעדער וויאָרסט אָדער מעטער פון דער באַהן איז בעצייכענט מיט טויטע קערפּער פון די אַרבייטער; און ענדליך, ווען דיין פלאַן איז אויסגעפֿיהרט, ווען די אייזענבאַהן איז פֿערטיג, זעהסט דו ווי אַזוי זי דיענט פֿיר אַ פֿיינדליכע אַרמעע איינצוברעכען מיט איהרע קאַנאָנען אין לאַנד...

דו האָסט אויפֿגעאָפּפֿערט דיין גאַנצע יוגענד צו מאַכען אַ-נ׳ ענטדעקונג, וועלכע זאָל לייכטער מאַכען די פּראָדוקציאָן און נאָך אַסך אַנשטרענגונג, נאָך אַ שאָהן ביסעל שלאָפֿלויזע נעכט האָסט דו ענדליך געענדיגט דיין אַרבויט; די קאָסטבאַרע ערפֿינדונג איז געמאַכט. דו פֿיהרסט איהר אַריין אין לעבען,

מע הייבט אָן צו פּראַקטיצירען מיט איהר און דער רעזולטאַט איז, אַז דו געפינסט אויס, אַז דו האָסט זיך אָבגענאַרט.

צעהן, צוואַנציג טויזענט אַרבייטער ווערען אַרויס געוואָרפען פון זדיא פאַבריקען אויף דער גאַס. די וואָס בלייבען, מיינסטענ־טהיילס קינדער, ווערען בעהאַנדעלט ווי איינפאַכע מאַשינען.. דריי, פיער אָדער העכסטענס צעהן קאַפּיטאַליסטען וועללען דערפון מאַכען זייער פערמעגען און וועללען גיסען מיט שאַמפּאַניער ווי וואַסער... האָסט דו דאָס ערוואַרטעט? איז דאָס געווען דיין חלום?

און ענדליך שטודירסט דו דורך דעם פּראָגרעס פון דער אינדיסטוריע פון די לעצטע צייטען און דו זעהסט, אַז דיא נעהטאָרין האָט גאָר נישט, ממש גאָר נישט געוואונען פון דער נעה־מאַשין, וואס מע האט אויס געפונען; אַז די אַר־בייטער אין דעם גרויסען טונעל סענט גאָטהאַרד שטאַר־בען פון לעהמונג, טראָטץ די נייע שטיין־־לעכערער מיט דיא דיאַמענטענע שפּיצען, — און אויב דו ווערסט בעטראַכטען און דורכדיסקוטירען די סאָציאַלע פּראָבלעמען מיט דער זעלבער גייסטעס־אונאַבהענגיגקייט, וועלכע האָט דיך געפיהרט צו זיין ערפאָלגרייך אין דיינע ערפינדונגען, ווערסט דו מוזען קו־מען צום שלוס, אז אונטער דעם יעצטיגען צושטאַנד פון פּריוואַט־אייגענטהום און דאָס לאָהן־סיסטעם, איז יעדע נייע ערפינדונג ניט נור קיין טובה ניט פאַר'ן אַרבייטער, זאָנדערן, אַ חוץ דעם וואָס זי איז ווייט דערפון צו פערבעסערן אויף א האַר זיין לאַגע, מאַכט זי נאָך זיין יאָך אַסך דריקענדער, זיין אַרבייט אַסך שווערער, זיין לײדיג אַרום געהן אַסך אָפטער און די געוועהנליכע קריזיסען אַסך שאַרפער, און אַז נור דיא

יעניגע, וועלכע האָבען אַללע מיטלען פֿון גענוס, נור די קע-
נען אין גאַנצען פראָפֿיטירען פֿון דער ערפֿינדונג.

וואָס וועסט דו אַלזאָ טהון, קומענדיג ענדליך צו דיעזען שלום? — ענטוועדער דו וועסט אין דיר דערשטיקען דיין געוויסען, דורך סאָפֿיזמען, דורך פוסטע פשט'ליך; דאַן, אין אַ שעהנעם טאָג, וועסט דו געבען דיינע עהרליכע חלומות פֿון דער יוגענד אין קאַרק אַריין און דו וועסט זוכען אַריינ-צוקריגען פֿיר דיר אַליין, דאָס וואָס גיבט אַ רעכט צום גענוס און צום גליק, — דו וועסט זיך אַלזאָ אַריינוואַרפֿען אין דעם ראַנג פֿון די עקספלאָטאַטאָרס. אָדער, אויב דו האָסט מוטה, וועסט דו זיך אַליין זאָגען: ניין! עס איז ניט די צייט יעצט צו מאַכען ערפֿינדונגען! לאָמיר פֿריהער פֿאַר אַללעם אַרביי-טען איבערצומאַכען דעם סיסטעם פֿון פּראָדוקציאָן. דאַן, ווען דאָס פריוואַט-אייגענטהום וועט זיין פֿערניכטעט, וועט יעדער נייער פּראָגרעס אין דער אינדוסטריע זיין אַ ברכה און ניט קיין קללה פֿיר דער מענשהייט; דאַן וועט יעדע נייע ערפֿינ-דונג זיין צום גונסטען פֿון אַללעמען, און ווען אָט די גרויסע מאַססע פֿון אַרבייטער, וועלכע זיינען יעצט ניט מעהר וויא מאַשינען און וועלכע וועלען דאַן זיין מענשען, **דענקענדע** מענשען, וועלען אָנווענדען אין דער אינדיסטוריעביידע זאַכען: אי זייער אינטעליגענץ, זייער שכל און זייער האַנדאַרבייט — דאַן וועט דער טעכנישער פּראָגרעס קענען אויפֿטהון נור אין פֿינפֿציג יאהר דאָס, וואס מיר חלום'ען אַפֿילו ניט דערפֿין יעצט!

און וואָס זאָגט מען דעם לעהרער פֿון דער שוהלע? ניט יענעם לעהרער, וועלכער לאַנגווײלט זיך אין זיין בעשעפֿטיגונג, ביי וועמען דיא פּראָפֿעסיאָן זיינע איז א לאַסט, ניין! איך מיין יענעם לערער וואָס פֿיהלט זיך גליקליך צווישען א פֿריי-ליבֿער באַנדע פֿון אינגלאַך, וועלכע רינגלען איהם אַרום און גלעטען איהם מיט זייערע ליעבליכע בליקען; יענער לעהרער וואָס זוכט איינצופֿלאַנצען אין דיא קליינע קעפליך פֿון זיינע שיהלער די מענשליכע אידעען, וועלכע ער האָט אמאָל אויפֿ-געכאַפּט מיט אַזוי פֿיעל פֿריידע; ווען ער איז געוועזן יונג.

יאָ, אָפֿט זעה איך דיך טרויעריג און פֿערטראַכט; איך וויים וואָס ער בויערט דיר דעם מוח. היינט האָט דיין על-טעסטער שילער, וואָס איז, אמת, ניט אַזאַ בריה אין לאַטיין, וועלכער איז אָבער אַ גאַנץ גוטער יונג, דערצעהלט מיט אזוי פֿיעל האַרץ דיא לעגענדע פֿון **ווילהעלם טעלל**. זיינע אויגען האָבען געפֿינקעלט; עס האָט אויסגעזעהן, אז ער וואָלט געקענט דערשטעכען אויף׳ן שטעל אַלע טיראַנען. אַך, מיט וואָס פֿאַר אַ פֿייער ער האָט עס געליינט דיעזען וואַרע-מען פֿערז פֿון **שיללער**:

> געגענאיבער דען שקלאַף, ווען ער זיינע קעטטע בריכט,
> געגענאיבער דעם פֿרייען מאַנע, ציטערע ניכט!

אָבער, קומענדיג אַהיים, האָט ער אויסצוהערען אַ גאַנצע מהנה פֿון מוסר-זאָגער: זיין מאַמע, זיין טאַטע און זיין פֿע-טער שטראָפֿען איהם אוים פֿאַר וואָס ער האָט קיין דרך ארץ ניט פֿאַר דעם העדר **פּאסטאר** אָדער פֿאַר דעם שמש פֿון דער קירכע . . . שטונדען לאַנג האַלטען זיי איהם שוונע דרשות פֿון „אַנשטענדיגקייט, רעספּעקט פֿאַר אויטאָריטעט א.

אונטערוואָרפֿענהייט צו עלטערס פֿון זיך", ביז וואַנען ער לייגט אַוועק **שילער** אָן אַ זייט און נעהמט זיך לערנען הלכות „העלפ יור סעלף", אוים צו שטודירען די קונסט „וויא אַזוי אָנצוגעהן אויף דער וועלט."

און דאַן, ערשט נעכטען האָט מען דיר דערצעהלט, וויא אַזוי די בעסטע פֿון דיינע שילער זיינען אַראָב פֿון וועג. איי-נער האַלט אין איין פֿאַנטאַזירען פֿון עפּאָלעטען . . . עס ווילט זיך איהם ווערען אַן אָפֿיציר. דער אנדערער, בשתּפֿות מיט זיין בעל-הבית, בערייסט און בעצופּט נאָך מעהר דעם מאָגערן לאָהן פֿון די ארבייטער; און דו, וואָס דו האָסט גע-האַט אַזוי פֿיעל האָפֿפֿנונג אויף דיזע יונגע לייט, דו זיצט יעצט פֿערטראַכט און דענקסט נאָך איבער דעם ביטערן און טרויריגען קאָנטראַסט וואָס עקזיסטירט צווישען דעם אידעאַל און דאָס ווירקליכע לעבען.

אַה, דו דענקסט נאָך אימּמער נאָך! אָבער איך וויים גאַנץ גוט, אַז עס וועט לאַנג ניט אָנהאַלטען; העכסטענס צוויי יאָהר. ווערענדיג ענטוישט, אָבגענאַרט איין מאָל נאָך'ן אַנ-דערן, וועסט דו אַוועקלייגען די ביכער פֿון דיינע בעליעבטע פֿערפֿאַסער אויף דער פּאָליצע און דו וועסט קומען צום שלום, אַז ווילהעלם טעלל איז, אמת, געווען א גאַנץ עהרליכער מאַן אָבער, נאָך אַלעמען, א שטיק מטורף; אַז **פּאָעזיע** איז טאַקי אַן אויסגעצייכענטע זאַך, זיצענדיג ביים אויוון, איבערהויפּט פֿאַר דעם וואָס האָט א גאַנצען טאָג געלערנט מיט קינדער „רעגעל-דע-טרי" אָדער אנדערע שווע-רע חשבונות . . . אָבער, נאָך אַלע זיעבען גליקען, שוועבען דיא פּאָעטען אַרום צווישען די וואָלקענס און זייער פּאָעזיע

האָט גאָר ניט צו טהאָן מיט לעבען און נאָך וויינינגער מיט דעם קומענדען בעזוך פֿון דעם הערר אינספעקטאָר פֿון דער שולע . . .

אָדער דאס אַלעס וואָס דו האָסט פֿאַנטאַזירט אין דער יוגענד וועט יעצט ווערען ביי דיר אַן איבערציינונג, א פֿעסטער איבערצייגונג. דו וועסט וועלען האָבען א ברייטע מענשליכע ערציהונג פֿאַר אַלעמען, אין דער שולע און אויסערהאַלב דער שולע, און זעהענדיג, אַז דאָס איז אונמעגליך צו האָבען ביי דיא יעצטיגע צושטענדע, וועסט דו מוזען אָנגרייפֿען דיא גרונד-לאַגע, דעם יסוד פֿון דער בורזשואַזער געזעלשאַפֿט. דאַן, ווען מע וועט דיך אָבזאָגען פֿון דיין שטעלע, דאַן, וועסט דו אַריינקומען אין אונזערע רייהען און מיט אונז אין איינעם וועסט דו זאָגען דיא עלטערע, אָבער ליידער אונוויססענדע, מענשען, וואָס פֿאַר אַנציהענדעס דאָס וויססען האָט אין זיך, דאָס וואָס דיא מענשהייט דאַרף זיין, דאָס וואָס זיא קען זיין. דו וועסט קומען אַרבייטען מיט דיא סאָציאַליסטען פֿאַר דיא פֿאָלשטענדיגע אומוועלצונג פֿון'ם יעצטיגען סיסטעם און העלפֿען ברענגען דיא אמת'ע גלייכהייט. דיא וואַהרע ברידערליכקייט און דיא אונאויפֿהערליכע פֿרייהייט פֿאַר דער גאַנצער וועלט.

ענדליך איהר אַלע, יונגער ארטיסט, סקולפּטאָר, מאהלער, פּאָעט, מוזיקער, זעהט איהר דען ניט, אז דער היילינער פייער, מיט וועלכען אייערע פאָר-עלטערן זיינען געוועזן בעגאבט, פעהלט אייך היינט, אייך און אייער גלייכען? בע-

מערקט איהר ניט אַז דיא קונסט איז אַריין, וויא מע זאָגט, אין דער שוסטער גאַס? . . .

און וויא אַזוי האָט עס געקענט אַנדערש זיין? דיא פּריי-דע, וועלכע מע האָט אַמאָל געהאַט, האָבענדיג ענדעקט דיא אַלטע וועלט אין זיך, איבער א נייעס, איבערגעבאָרען אין דיא קוואַללען פֿון דער נאַטור, דיעזער אַמאָליגער גייסט, וועלכער האָט בעשאַפֿען דיא מייסטערווערקע פֿון דער ר ע-נ ע ס אַ נ ס, דיא איבערגאַנגס-פעריאָדע פֿון דעם מיטעל-אַלטער צו דער מאָדערנער וועלט — אָט דיא פֿריידע איז שוין מעהר ניטאָ אין דער קונסט פֿון אונזער צייט. דיא רעוואָלוציאָנערע אידעע וואַרמט איהר ניט אָן, און ניט האָ-בענדיג קיין אידעאַל, האָט דיא קונסט כלמר'שט געמיינט צו געפֿינען אַזאַ מין זאַך אין'ם **רעאַליזם**, פֿאָטאָגראַפֿירענדיג אין קולירען דעם טוי-טראָפּען אויף'ן בלעטעל פֿון א בוים, נאָכמאַכענדיג ריכטיג דיא פֿוסס-מוסקעלן פֿון א קוה, אָדער בעשרייבענדיג אַקוראַט אין פראָזאַ און פּאָעזיע, דעם שמוטץ פֿון א רינע אָדער דאָס שלאָפֿצימער פֿון א רייכער דאמע.

„אָבער אויב אַזוי, וואָס זשע איז צו טהאָן?" וועט איהר פֿרעגען.

אויב דער הייליגער פֿייער, וועלכען איהר פרעטענדירט צו האָבען איז ניט מעהר וויא א „רויכעדיגער קנויט", דאַן וועט איהר טהאָן ווייטער וואָס איהר האָט ביז אַהער געטהאָן און אייער קונסט וועט פֿאַלען, ביז וואַנען איהר וועט ווערען אַן איינפֿאַכער מאַהלער פֿון פראָסטע ווענט אָדער א פֿעליטאָ-נען-שרייבער אין א וואָסערע עס ניט איז שונד-צייטונג — דער גרעסטער טהייל פֿון אייך גליטשען זיך שוין אַראָב מיט;

פֿולין שוואונק אויף דיעזעם אָנגעצויגענען שטריק . . .

אָבער, אויב אייער האַרץ קלאַפּטווירקליך אין אייניגקייט מיט'ן האַרצען פֿון דער מענשהייט, אויב אייער אויער הערט זיך צו אַזוי וויא אַן אמת'ר פּאָעט, צום לעבען, דאַן, שטע-הענדיג ביי דיעזען ים פֿון ליידען, וואו דיא כוואַליעס געהן אויף און אָב פֿאַר אייערע אויגען, אין רעכטען מיטען פֿון דיעזע מאַסען, וועלכע שטאַרבען פֿאַר הונגער, פֿון דיעזע מתים, וועלכע פּילען אָן דיא פֿינסטערע מינען פֿון דיעזע טויטע קערפּער, וועלכע ליגען אין הויפֿענס אַרום דיא באַרי-קאַדען, פֿון דיעזע אונגליקליכע פֿערשיקטע, וועלכע מוזען שטאַרבען אונטער דיא שנעען פֿון סיביר אָדער אויף דיא טראָפּישע אינזלען, אין רעכטען מיטען פֿון דיעזען פֿערצוויי-פֿעלטען קאַמפּף, וועלכער ווערט אָנגעפֿיהרט פֿאַר אייערע אויגען. אין'ם געשריי פֿון שמערץ, וועלכער קומט פֿון דיא בעזיעגטע און דאָס שכור'ע פֿערשווענדערישע לעבען פֿון דיא זיעגער, האָבענדיג פֿאַר דיא אויגען שטענדיג העלדענמוטה, קעמפּפֿענדיג מיט פֿייגהייט, עדעלקייט מיט נידערטרעכטיג-קייט — דאַן, זאָג איך, אין רעכטען מיטען פֿון דעם אַללע-מען וועט איהר ניט קענען בלייבען גלייכגילטיג. איהר וועט זיך אַריינוואַרפֿען אין קאַמפּף און זיך אָננעהמען פֿאַר דיא אונטערדריקטע, ווייל איהר ווייסט גאַנץ גוט, אַז דאָס שיינע, דאָס ערהאַבענע, דאָס **לעבען** אַליין איז אימער אויף דער זייט פֿון דיא, וועלכע קעמפּפֿען פֿאַר ליכט, פֿאַר דער מענשהייט, פֿאַר דער גערעכטיגקייט!

אָבער איהר שטעלט מיך ענדליך אָב!

„אַה, צום טייפֿעל!" זאָגט איהר. „אויב דיא אַבסטראַקטע

וויססענשאַפֿט איז א לוקסוס-זאַך און דיא מעדעצין-פּראַקסים א שווינדעל; אויב **געזעטץ** הייסט אונגערעכטיגקייט און דיא טעכנישע ענטדעקונג איז ניט מעהר וויא אַן אינסטרו-מענט צור עקספּלאָטאַציאָן; אויב דיא **שולע** איז ניט אים שטאַנדע צו בעזיעגען דאָס יעצטיגע פּראַקטישע לעבען און דיא קונסט, אָהן דער רעוואָלוציאָנערער אידעע, מוז דעושע-נערירען, אונטערגעהן — אויב אַזוי, וואָס זשע בלייבט אונז איבער צו טהאָן?

אָט, איך וועל אייך ענטפֿערן:

„אַן אונגעהייער גרויסע און אַנציהענדע אַרבייט; אַן אַר-בייט, וועלכע איז פֿעהיג צו צוציהען צו זיך דיא נאָבעלסטע, דיא שטארקסטע נאַטורען.

וואָס איז דאָס אַזוינס? — איך וועל עס אייך זאָגען.

III

איהר האָט פֿאַר זיך צוויי וועגען: ענטוועדער זיך אָבזוע-גענען אויף אייביג מיט אייער געוויססען און אין א שיינעם טאָג קומען צום שלום און זיך זאָגען: „מעג דיא גאַנצע מענשהייט קראַפּירען, אַבי, איך זאָל לעבען א גוטען טאָג, אַבי איך זאָל קענען געניסען דיא פֿולע מאָס פֿון פֿערגניגען, אַזוי לאַנג דאָס פֿאָלק וועט זיין דום גענוג מיך צו לאָזען עס טהאָן . . . . . . „אָדער אַריינטרעטען אין דיא רייהען פֿון דיא סאָציאַליסטען און אַרבייטען מיט זייא פֿיר דיא פֿאָלשטענדיגע אומוועלצונג פֿון דער געזעללשאַפֿט. דאָס איז דיא נויטווענדיגע, אונפֿערמיידליכע פֿאָלגע פֿון דער צער-גלידערונג וואָס מיר האָבען דאָ געמאַכט. דאָס וועט אימער

זיין דער שלום, צו וועלכען יעדעס אינטעליגענטע וועזען וועט נויטווענדיגערווייזע מוזען קומען, אויב ער אורטהיילט עהרליך און אונפּאַרטייאיש איבער דעם וואָס קומט פאָר פאַר זיינע אויגען און אויב ער קען בלייבען אונבעאיינפלוסט פון דיא סאָפיזמען, וועלכע זיין בורזשואַזנע ערציהונג און דיא פּעראינטערעסירטע מיינונגען פון זייערע פריינדע האָבען אין איהם געזוכט איינצוואוואָרצלען.

און ווען מען איז איינמאָל צוגעקומען צו דיזען שלום, שטעלט זיך נאַטירליך באַלד דיא פראַגע: „וואָס איז צו טהאָן?"

דיא אַנטוואָרט ליגט פון אויבען אויף.

געהט נאָר אַרויס פון'ם צירקעל, אין וועלכען איהר גע- פינט זיך און וואו מען איז צוגעוואוינט פאָרצושטעלען דאָס **פאָלק** אַלס א ווילדע באַנדע. קומט צווישען דיעזעס פאָלק און דיא פראַגע וועט זיך פון זיך אַליין אויפלעזען.

איהר וועט זעהן, אַז איבעראַל, איבעראַל, אין פראַנקרייך אַזוי וויא אין ענגלאַנד, אין דייטשלאַנד אַזוי וויא אין אַמע- ריקאַ, איבעראַל, וואו עס זיינען דאָ פריווילעגירטע און אונ- טערדריקטע, געהט אָן אַן אונגעהייער גרויסע בעוועגונג צווי- שען דיא אַרבייטער; א בעוועגונג, וועלכע האָט פאַר איהר צוועק צו צוברעכען אויף אייביג דיא קייטען פון קנעכטשאַפט, וואָס דיא מאָדערנע פאַנשטשינאַ, דער קאַפּיטאַליסטישער פע- אָדאַליזם האָט אויף דיא אַרבייטער אָנגעטהאָן און צו לייגען דעם גרונד-שטיין, דעם יסוד פאַר א נייער געזעללשאַפט, בעגרינדעט אויף גערעכטיגקייט און גלייכהייט. דאָס פאָלק שטעלט זיך שוין יעצט ניט צופריעדען אויסצודריקען זיין

ביטערער נויטה אין איינעם פֿון יענע טרויעריגע ליעדער, וואָס דיא מעלאָדיע זייערע ברעכט דאָס הארץ; יענע ליעדער וואָס דיא קנעכט פֿון'ם אַכצעהנטען יאַהרהונדערט פֿלעגען זינגען און וועלכע דער סלאַווישער בויער זינגט נאָך היינט. ניין! דאָס פֿאָלק אַרבייט יעצט מיט זיין פֿולען בעוואוסט-זיין און טראָץ אַלע הינדערניסע פֿיר זיין בעפֿרייאונג.

זיין געדאַנק איז אימער בעשעפֿטיגט צו בעטראַכטען וואָס צו טאָהן, אום דאָס לעבען, אָנשטאָט דעם וואָס עס איז יעצט א קללה פֿאַר דריי חלקים פֿון דער מענשהייט, זאָל זיין א ברכה פֿאַר **אַלעמען**. עס אַטאַקירט דיא שווערסטע פּראָ-בלעמען פֿון דער סאָציאָלאָגיע און בעשטרעבט זיך, זיי אויפֿ-צולעזען מיט זיין פראָסטען, מענשליכען פֿערשטאַנד, מיט זיין בעאָבאַכטונגס-גייסט, מיט זיין ביטערער ערפֿאַהרונג. אום זיך צוזאַמען צו ריידען מיט דיא איבעריגע אונגליקליכע, וועלכע ליידען אַזוי וויא ער פֿון'ם יעצטיגען דרוק, זוכט זיך דער אַרבייטער צו גרופּירען, זיך צו אָרגאַניזירען. ער גרינדעט פֿעראיינען, וועלכע ווערען אויפֿגעהאַלטען מיט שוועריגקייטען דורך מאָגערע בייטרעגע; ער זוכט זיך צו פֿערשטענדיגען מיט זיינע מיט-ליידענדע פֿון דער אַנדערער זייט גרענעץ, און, מעהר וויא אַלע מיט-פֿהילאַנטראָפּען, אַרבייט ער צו ברענגען דיא צייט, ווען דער קריעג צווישען איין נאַציאָן און דיא אַנדערע וועט זיין אַן אונמעגליכקייט. אום צו וויסען וואָס זיינע ברידער טהוען, אום זיי בעססער צו קענען און אום צו ענטוויקלען דיא אידעען און זיי צו פֿערברייטען, האַלט ער אויף — אַך, מיט וואָס פֿאַר א מאַטערניס, מיט וואָס פֿאַר אַן אַנשטרענגונג! — זיין אָרעמע אַרבייטער-

פרעססע. ענדליך, ווען דיא צייט קומט, ווען דיא שטונדע פֿון אויפֿשטאַנד שלאָגט, הויבט ער זיך אויף און רויט-מאַכענדיג דיא שטיינער פֿון דיא באַריקאַדען מיט זיין בלוט וואַרפֿט ער זיך אַריין אין'ם ביטערן קאַמפף פֿיר דיעזע פּריוויטען, וועלכע דיא רייכע און דיא מעכטיגע האָבען גע-וואוסט אויסצוניצען פֿאַר זייערע פריווילעגיען.

אַך, וואָס פֿאַר אונאויפֿהערליכע אַנשטרענגונגען! וואָס פֿאַר א פֿאָרטוועהרענדער קאַמפף דאָס איז! וואָס פֿאַר אַן אונגעהייערע אַרבייטען, וועלכע מוז אַלע ווילע איבער אַ נייעס אָנגעהויבען ווערען! דאָ זיינען אַרויסגעפֿאַלען קרעפֿ-טע — דורך ערמיעדיגונג, דורך קאָרופציאָן אָדער דורך דיא שרעקליכע פֿערפֿאָלגונגען, — און מע מוז זיי ערזעצען, זו-כען אַנדערע אויף זייער פלאַץ; דאָרט מוז מען רעאָרגאַניזי-רען, נאָך אַמאָל צוזאַממענרופֿען דיא קעמפֿפֿער, וועלכע זיי-נען צושפרייט געוואָרען דורך דיא פֿערפֿאָלגונגען, דורך דעם האָגעל פֿון קוילען, וואָס דיא הערשאַפֿטס-אָרדנונג לאָזט אויף זיי אַראָב! . . .

דיא רעוואָלוציאָנערע צייטונגען ווערען אַרויסגעגעבען פֿון מענשען, וועלכע האָבען געמוזט בגנבה אַוועקשלעפֿען פֿון דער געזעללשאַפֿט א ברעקעלע בילדונג, זיך מוטשענדיג אין הונגער און קעלט און פֿערברענגענדיג גאַנצע נעכט אָהן שלאָף. דיא פראָפּאַגאַנדע ווערט אויפֿגעהאלטען פֿון אָרעמע סענטען, וועלכע די פּראָלעטאַריער רייסען אָב פֿון'ם נייטיגסטען וואָס זיי דאַרפֿען צום לעבען, אָפֿט-מאָל פֿון זייער דאַר שטיקעל ברויט. און דאָס אַלעס ווערט געטהאָן אונטער שרעקליכע אומשטענדען, ציטערענדיג, אז אָט, אָט וועט מען גאָר דאַר-

פֿען זעהן ווי די פֿרוי און קינדער געהן אויס פֿאַר הונגער;
אָט וועט דער בעל-הבית, דער פֿאַבריקאַנט, זיך דער ווימען,
אַז „זיין אַרבייטער, זיין שקלאַף, דרעהט זיך גאָר א קאָפּ מיט
סאָציאַליזמוס" און. . . ער און די פֿאַמיליע וועלען מעגען ליי-
גען די ציין אויף'ן פּאָליצע!

אָט דאָס אַלעס וועט איהר זעהן, ווען איהר וועט קומען
צווישען פֿאָלק.

און אין דיזען אונאויפֿהערליכען קאַמפּף, ווי אָפֿט האָט זיך
שוין דער אַרבייטער, צוזאַמענברעכענדיג אונטער'ן שווערען
לאַסט פֿון די הינדערניסע, אומזיסט געפֿרעגט;

וואו זיינען זיי ערגעץ יענע יונגע לייט, וועלכע האָבען גע-
לערנט אויף אונזערע קאָסטען? יענע יונגע שטודענטען, וועמען
מיר האָבען געשפּייזט און געקליידעט אין דער צייט פֿון זייער
שטודיום? יענע יונגע לייט, פֿאַר וועמען מיר האָבען, מיט
איינגעבויגענע רוקענס אונטער דער שווערער משא און מיט
ליידיגע בייכער, געבויט אָט די הייזער, אָט די אוניווערזיטע-
טען, אָט די מוזעאומס? יענע, פֿאַר וועמען מיר האָבען, קראַנ-
קערהייט, מיט בלייכע פנים'ער, געדרוקט אָט די פֿיינע ביכער,
וועלכע מיר קענען זאָגאַר ניט לייענען? וואו זיינען זיי ערגעץ,
יענע פּראָפֿעסאָרען, וועלכע פּרעטענדירען צו זיין די פֿאָרשטעהער
פֿון דער **מענשליכער** וויסענשאַפֿט און ביי וועמען די מענש-
הייט האָט ניט די ווערטה קיין שמעק טאַבאַק? . . .

וואו זיינען זיי, יענע „מויל-העלדען" וואָס ריידען פֿון פֿרייהייט
און פֿערטיידיגען קיינמאָל ניט אונזער פֿרייהייט, וועלכע ווערט
געטרעטען מיט די פֿיס? יענע שרייבער, יענע פּאָעטען, יענע
מאהלער, מיט איין וואָרט אָט די גאַנצע באַנדע פֿון היפּאָ-

קריטען, וועלכע ריידען פֿון פֿאָלק מיט אויגען פֿול טרערען און וועלכע האָבען זיך קיינמאָל ניט געפֿונען צווישען אונז אום אונז צו העלפֿען אין אונזער קאַמפּף?"

איינינגע פון זיי געפֿעלט עס צו בלייבען גלייכגילטיג שטע-הען פון וויטען; די איבעריגע, דער גרעסטער טהייל פון זיי, קוקען אַראָב מיט פֿעראַכטונג אויף דער קאַנאַליע," און זיינען בערייט זיך אויף זיי ארויפֿצואוואַרפֿען, ווען זיי זאָלען נאָר ואַגען אָנצוריהרען זייערע פריווילעגיען.

פֿון צייט צו צייט בעווייזט זיך אַ יונגער מאַן, וועלכער טרוימט פֿון פויקען און פֿון באַריקאַדען און וועלכער זוכט סענזאַציאָנעלע סצענען, אָבער קוים דערזעהט ער, אַז דער יועג צו דער באַריקאַדע איז וויט, אַז די אַרבייט איז זעהר שווער און פיינליך און אַז די קרענץ פֿון רויזען, וועלכע ער ערוואַרטעט צו קריגען אין דיזען קאַמפּף, זיינען אוים געמישט מיט דערנער, דאַן זעהט מען איהם שוין מעהר ניט אָן אין די אויגען . . . מייסטענטהיילס זיינען עס אַזעלכע וואוילע יונ-גען, וועלכע זוכען צו געווינען דעם צוטרויען פֿון די אַרביי-טער, צו שטימען פֿאַר זיי, זיי אַרויפֿזעצען אויף'ן באָנקעל, כדי דער נאָך, ביי דער ערשטער בעסטער געלעגענהייט, צו קע-נען דעם פֿאָלק ווייזען ווער עלטער איז, ווען ער וועט וועלען איינפֿיהרען אין פראַקטיק די אידעען וואָס זיי, די וואוילע יונגען, האָבען אַליין געפריידיגט; יאָ, דאָס זיינען על פי רוב אַזעלכע, וועלכע וועלען אפשר, ווען זיי וועלען האָבען די מאַכט, הייסען שיסען אויף די אַרבייטער, ווען זיי וועלען זיך ריהרעז איידער זיי, זייערע פֿיהרער, האָבען געגעבען דעם סיגנאַל.

רעכענט צו צו דעם די נאַרישע בעליידיגונגען,* די שטאָלצע

פֿעראַכטונג און די פֿייגהאַפֿטע פֿערלײמדונג וואָס קומט פֿון אַ גרויסען טהייל, און איהר וועט האָבען אַלעס, וואָס דאָס פֿאָלק קריגט פֿון דער בורזשואַזער יוגענד, אַלס הילפֿע צו זיין סאָציאַלער ענטוויקלונג.

און נאָך דעם אַלעמען וועט איהר נאָך אַלץ פֿרעגען: "וואָס זאָלען מיר טאָהן?„ דאַן, ווען עס איז דאָ אַזוי פֿיעל צו טאָהן! דאַן, ווען אַ גאַנצע אַרמעע פֿון יונגע לייט וואָלטען געפֿונען צו וואָס אָנצואווענדען די גאַנצע קראַפֿט פֿון זייער יונגער ענערגיע, פֿון זייערע יונגע מוחות, פֿון זייער טאַלענט, אום צו העלפֿען דאָס פֿאָלק אין זיין אונגעהייער גרויסער אונטער-נעהמונג!

איהר ווילט וויסען „וואָס איז צו טהאָן?" — הערט:

איהר, ליעבהאָבער פֿון דער ריינער וויסענשאַפֿט, אויב איהר זייט דורכדרינגען פֿון די פרינציפען פֿון סאָציאַליזמוס, אויב איהר האָט פֿערשטאַנען די ריכטיגע מיינונג פֿון דער רעוואָ-לוציאָן, וועלכע שטעהט שוין ביי דער טהיר, זעהט איהר דען ניט, אַז מעדאַרף איבערמאַכען אין גאַנצען די וויסענשאַפֿט, אום צו זעהן, זי זאָל זיין אין אַנקלאַנג מיט די נייע אידעען? בעמערקט איהר ניט, אַז עס האַנדעלט זיך דאָ צו מאַכען, אויף דיזען פֿעלד, אַן ענדערונג, אַ רעוואָלוציאָן, וועלכע וועט אַריבערשטייגען, אין איהר וויכטיגקייט, יענע ענדערונג וואָס איז געמאַכט געוואָרען, אין יעדער צווייג פֿון וויסענשאַפֿט, אין פֿערלויף פֿון'ם אַכצעהנטען יאָהרהונדערט? פֿערשטעהט איהר ניט, אַז די **געשיכטע**, וועלכע איז היינט צו טאָג א

מין בבא מעשה פֿון דער גרויסקייט פֿון קעניגע,³ פֿון גרויסע לייט און פֿון פּאַרלאַמענטען, — אַז די געשיכטע מוז געשרי־בען ווערען פֿון'ם שטאַנדפּונקט פֿון פֿאָלק אין דער לאַנגער ענטוויקלונג פֿון דער מענשהייט? אַז די **סאָציאַלע** עקאָנאָ־מיע — וועלכע איז היינט ניט מעהר ווי די רעכטפֿערטיגונג פֿון קאַפּיטאַליסטישער רויבעריי — מוז איבערגעאַרבייט ווערען אויף דאָס ניי אין איהרע גרונדליכע פּרינציפּען, אַזוי גוט ווי אין איהרע אונצעהלבאַרע אָנווענדונגען? אַז די **אַנטראָפּאָ־לאָגיע** (די נאַטור געשיכטע פֿון'ם מענשען), די **סאָציאָ־לאָגיע** (די לעהרע פֿון געזעלשאַפֿטליכען לעבען) און די **עטהיק** (די מאָראַל־לעהרע), מוזען פֿאָלשטענדיג איבער־געגאָסען ווערען, און אַז די נאַטור־וויסענשאַפֿטען אַליין, וועלכע ווערען יעצט בעטראַכטעט גאָר פֿון אַ נייעם שטאַנד־פּונקט׳ דאַרפֿען איבערגעמאַכט ווערען, וואָס אַנבעלאַנגט די אַרט און וויזע ווי אַזוי צו בעגרייפֿען די נאַטירליכע ערשיינונגען?

פֿערשטעהט איהר דען ניט די נויטווענדיגקייט פֿון דעם אַלעמען? — נון גוט, אויב יאָ, טהוט עס! בענוצט אייערע פֿעהיגקייטען צו גונסטען פֿון אַ גוטער זאַך! העלפֿט אונז איבערהויפּט מיט דעם כח פֿון אייער קלאָרער לאָגיק צו בע־קעמפּפֿען יעדען פֿאָראורטהייל און צו לייגען דעם גרונד־שטיין, דעם יסוד פֿאַר אַ בעסערער אָרגאַניזאַציאָן! לערנט אונז צו בעזייצען אין אונזערע אַרגומענטען, דעם מוטה פֿון דעם וואַה־רען וויסענשאַפֿטליכען פֿאָרשער און איבערהויפּט צייגט אונז, אַזוי וויא אייערע פֿאָרעלטערן האָבען געטאָהן, ווי אַזוי מענ־שען זיינען מוטהיג געגנוג אויפֿצואָפּפֿערן זאָגאַר זייער לעבען פֿאַר דעם זיעג פֿון דער וואַהרהייט!

איהר, דאָקטוירים, וואָס איהר האָט געלערנט דעם סאָציאַ ליזמוס פֿון ערפֿאַהרונג, הערט ניט אויף אונז צו זאָגען היינט, מאָרגען, יעדען טאָג און ביי יעדער געלעגענהייט, אַז די מענשהייט שטאַרבט וואָס ווייטער אַלץ מעהר אָב, אויב זי וועט בלייבען ביי די יעצטיגע צושטענדע פֿון עקזיסטענץ און אַרבייט; אַז אייער גאַנצע מעדיצין, אייערע אַלע רפֿואות זיי-נען אַרויסגעוואָרפֿען, כל זמן די גרויסע מאַסע פֿון דער מענש-הייט שמאַכטעט אין אַזעלכע צושטענדע, וועלכע זיינען אַבסאָ-לוט געגען דעם, ווי די היגיענע, די געזונדהייטס-וויסענשאַפֿט וויל עס האָבען! איבער ציינט דעם פֿאָלק, אַז מע מוז פֿריהער אַוועק מאַכען מיט די אורזאַכען, וועלכע רופֿען אַרויס די קראַנקהייטען, און זאָגט זיי, שעהמט זיך ניט, זאָגט זיי ווי אַזוי פּטור צו ווערען פֿון דיזע אורזאַכען! קומט מיט אייער ערפֿאַהרונג, האָבענדיג **אנאטאמיש** אונטערזוכט אונזער געזעלשאַפֿט, וועלכע האַלט ביים צופֿאַלען, און זאָגט אונז וואָס פֿאַר אַ סאָרט לעבען מיר וואָלטען געדאַרפֿט און געקענט פֿיהרען, און, אַזוי ווי אַן אמת'ר עהרליכער אַרצט, ווידערהאָלט פֿאַר אונז, אַז מע דאַרף זיך ניט אָבהאַלטען אָבצושניידען אַ קראַנקען גליעד פֿון קערפּער, אַ האַנד אָדער אַ פֿוס, ווען עס קען, פֿערבלייבענדיג, פֿערגיפֿטען דעם גאַנ-צען קערפּער און איהם טרייבען צום טויט...

איהר, וועלכע אַרבייט צו פֿעראייניגען די וויסענשאַפֿט מיט דער אינדוסטרי, שעהמט זיך ניט, זאָגט אונז פֿריי און אָפֿען, וואָס איז געוועזען דער רעזולטאַט פֿון אייערע ערפֿינדונגען! ווייזט די מענשען, וועלכע האָבען ניט דעם מוטה צו געהן מיט פֿעסטע שריט אַנטקעגען דער צוקונפֿט, וואָס פֿאַר נייע

ערפינדונגען אָט דער אוצר פון וויסענשאַפט וואָס מיר האָבען שוין קען אונז ברענגען; ווי די אינדוסטרי וואָלט געקענט אויסזעהן אונטער אַנדערע, בעסערע צושטענדע; וויפיעל דער מענש וואָלט געקענט אויפטהאָן, ווען ער וואָלט שטענדיג גע-אַרבייט מיט אַן אויסקוק צו פערמעהרען זיין איי גענע פראָדוקציאָן!

איהר, פּאָעטען, מאַהלער, סקולפּטאָרען, מוזיקער, אויב איהר פערשטעהט אייער וואַהרע אויפגאַבע און די אינטערע-סען פון דער קונסט אַליין, קומט מיט אונז! בענוצט אייער פעדער, אייער פענסיל, אייערע אידעען צו גונסטען פון דער רעוואָלוציאָן! גיט אונז איבער אין אייער פּאָעטישען סטיל, אָדער אין אייערע פראַכטפאָלע צייכנונגען, דיא קאָמפּפע פון די פעלקער געגען זייערע אונטערדריקער! וואַרעמט אָן די יונגע הערצער מיט דיזען הערליכען רעוואָלוציאָנערן פייער, וועלכער האָט בעגייסטערט אונזערע פּאָרעלטערן! זאָגט דער פרוי וואָס פאַר אַ גרויסקייט, וואָס פאַר אַ הערליכקייט עס ליעגט אין דער טהאָטיגקייט פון איהר מאַן, ווען ער גיט אַוועק זיין לעבען פאַר דער בעפרייאונג פון דער פערשקלאַפ-טער מענשהייט! ווייזט דעם פאָלק וואָס פאַר אַ העסליכקייט, וואָס פאַר אַ גראָבע מיאוס׳קייט עס איז דאָ אין׳ם יעצטיגען לעבען און גיט אונז צו דער זעלבער צייט אָן די אורזאַכען פון דעם אַלעמען. זאָגט, זאָגט אַרויס אָפען, וואָס דאָס לע-בען וואָלט געקענט זיין, ווען עס וואָלט זיך ניט, אויף יעדען שריט און טריט, אָנגעקלאַפט אָן אַן אַנדערן שטיין; ווען עס וואָלט ניט געשטערט געוואָרען יערער מינוט פון אַן אַנדער נידערטרעכטיגקייט פון דער יעצטיגער סאָציאַלער אָרדנונג!

ענדליך, איהר אַלע, וועלכער האָט גנעהאַט דאָס גליק זיך אַנצואייגנען מיט קענטניסע, איהר טאַלאַנטפֿאָלע מענער און פֿרויען, אויב איהר האָט אַ האַרץ, אַ האַרץ וואָס פֿיהלט, קומט אין אונזערע רייהען, קומט אויסניצען אייערע פֿעהיג-קייטען צו גונסטען פֿון די, וועלכע דאַרפֿען עס אַזוי נייטיג האָבען! און ווייסט, אַז אויב איהר וועט קומען צו אונז, ניט אַלס בעלי-בתים, נאָר אַלס קאַמפּפֿס-גענאָסען; ניט צו הערשען, זאָנדערן זיך איינצולעבען אין אַ נייעם צירקעל וואָס שטרעבט צו דער צוקונפֿט; ניט אַזוי צו אונטערריכטען, צו בעלעהרען, ווי זיך אַליין אַנצואייגנען מיט די געדאַנקען און ווינשע פֿון די מאַסען, זיי צו פֿערשטעהן, זיי צו געבען אַ פֿאָרמע און דאַן צו אַרבייטען, אָהן אויפֿהער, אָהן רוה, מיט דעם פֿייער פֿון דער יוגענד, דיזע ווינשע צו רעאַליזירען, זיי אַריינצוברענגען אין דאָס ווירקליכע לעבען, — דאַן, נאָר דאַן וועט איהר פֿיהרען אַ פֿאָלקאָמענעס, אַ ראַציאָנעלעס לעבען! איהר וועט דאַן זעהן, ווי יעדע איינציגע אָנשטרענגונג אייערע, אין יענעם וועג, וועט טראָגען פֿריכטע און איבערפֿלוס; דאַן, יוען אייערע טהאַטען וועלען זיין אין אַנקלאַנג מיט דעם בע-פֿעהל פֿון אייערע געוויסען, דאַן וועט איהר ערשט בעמערקען ווי שטאַרק איהר זייט; איהר וועט דאַן געפֿינען כחות אין אייך אַליין, כחות, וועלכע האָבען געשלאָפֿען אין אייך און פֿון וועלכע איהר האָט אפילו ניט גע'חלום'ט . . .

יאָ, דער קאַמפּף פֿיר די וואַהרהייט, פֿיר די גערעכטיגקייט, פֿיר די גלייכהייט, און דאָס אַלעס אין רעכטען מיטען פֿון'ם פאָלק, צווישען דער מאַסע — וואָס קען נאָך זיין שעהנער, וואָס קען נאָך זיין ערהאַבענער אין לעבען!!

IV

איך האָב געדאַרפֿט פֿערנעהמען דריי לאַנגע 'קאַפּיטלען, אום צו צייגען דיא יונגע לייט, וועלכע בעלאַנגען צו דער רייכערער קלאַסע, אַז אין רעכטען מיטען פֿון דער דילעמאַ, פֿון'ם פלאָנטער, אין וועלכען זיי געפֿונען זיך, וועלען זיי זיין געצוואונגען, אויב זיי זיינען מוטהיג און ערנסט, זיך אַריינ-צוואוואַרפֿען אין דיא רייהען פֿון דיא סאָציאַליסטען און מיט זיי אין איינעם צו אַרבייטען פֿאַר דעם ערפֿאָלג פֿון דער סאָ-ציאַלער רעוואָלוציאָן. און אין דער אמת'ן איז דיזע וואַהרהייט אַזוי איינפֿאַך! אָבער, ריידענדיג צו דיא, וועלכע האָבען גע-האַט אַ בורזשואַזע ערציהונג, געהט'ס ניט אַזוי לייכט. וויפֿיעל סאָפֿיזמען, וויפֿיעל פֿערדרעהטע פשט'לאַך, וויפֿיעל פֿאָראור-טהיילע דאַרף מען דאָ בעקעמפֿפֿען! וויפֿיעל פֿעראינטערעסיר-טע טענות זיינען דאָרט דאָ צו בעזייטיגען!

עס וועט מיר אַסך לייכטער זיין צו ריידען היינט צו איך, יונגע לייט פֿון'ם **פאלק**. דאָ קען איך זיך האַלטען קורץ. דיא אומשטענדען אַליין טרייבען איך צו ווערען סאָציאַלים-טען, וויא וויניג מוטה איהר זאָלט ניט האָבען נאָר צו דענ-קען און צו האַנדלען נאָך אייערע איבערצייגונגען. דעם אמת זאָגענדיג, איז דאָך דער מאָדערנער סאָציאַליזמוס אַרויס פֿון רעכטען מיטען פֿון'ם פֿאָלק. אויב איניגע בורזשואַזע דענ-קער זיינען געקומען רעכטפֿערטיגען דעם סאָציאַליזמוס פֿון אַ ויסענשאַפֿטליכען און פֿילאָזאָפֿישען שטאַנדפונקט, אָבער דיא גרונד-אידעע אַליין איז ניט מעהר וויא אַ פראָדוקט פֿון'ם

אַלגעמיינעם גייסט פֿון דער אַרבייטער-מאַססע. איז דען דער סאָציאַליזמוס פון דער אינטערנאַציאָנאַלע, וועלכער שטעלט היינט צו טאָג צונויף אונזער בעסטע קראַפֿט, אויסגעאַרבייט געוואָרען ערגעץ אַנדערש, וויא אין דיא אַרבייטער-אָרגאַניזאַציאָנען, אונטער דעם דירעקטען איינפֿלוס פֿון דיא מאַסען?

אַרויסקומען פֿון דיא רייהען פֿון אַרבייטער-פֿאָלק און זיך ניט איבערגעבען פֿאַר׳ן טריומפף פֿון סאָציאַליזמוס, הייסט גאַנץ איינפֿאַך, איגנאָרירען זיך אַליין, פֿערקוקען דיא אייגענע אינטערעסען, פֿערלייקנען דיא היסטאָרישע אויפֿגאַבע וואָס ליגט אויף זיך אַליין.

גערענקסט דו יענער צייט, אַרבייטער, ווען זייענדיג אַ קליינער אינגעל נאָך, פֿלעגסט דו אַראָבגעהן אין אַ ווינטער-טאָג זיך שפּיעלען אין׳ם פֿינסטערן געסעל, וואו דו האָסט געוואוינט? אַ בייסענדע קעלט האָט דורכגענומען דיין גאַנ-צען קערפּער, איינגעוויקעלט אין דינע קליידער, און דיא בלאָ-טע האָט זיך אַריינגעשפּאַרט אין דיינע שיך. דאַנן, ווען דו האָסט געזעהן פֿערבייגעהן פֿון ווייטען יענע פֿעטע, רייך גע-קליידעטע קינדער, וועלכע האָבען געקוקט אויף דיר מיט שטאָלץ, מיט פֿעראַכטונג,—דאַן שוין האָסט דו גוט געוואוסט, אַז אָט דיא גליקליכע, מזל׳דיגע קינדער קומען ניט צו דיר און צו דיינע חברים, ניט אין שכל און ניט אין ענערגיע. שפּע-טער אָבער, ווען דיר איז אויסגעקומען צו זיין אין אַ שמוצי-גער פֿאַבריק, פֿון פֿינף אָדער זעכס אַ זייגער אין דער פֿריה; זיצען, גאַנצע צוועלף שטונדען, בייא אַ שטורמישער מאַשין,

און, אַזוי וויא דיא מאַשין אַליין, ווידערהאָלען טאָג פֿאַר טאָג דיזעלבע ערמידענדע אַרבייט, וועהרענד יאָהרען לאַנג,—אין דערזעלבער צייט פֿלעגען זיי, אַט יענע רייכע קינדער, געהן ־והיג אין דיא שולען, אין דיא גימנאַזיומס, אין דיא אוניווער־ ־יטעטען, און יעצט זיינען דיזעלבע קינדער, אפשר ניט אזוי קלוג וויא דו אָבער בעסער געלערנט, געוואָרען דיינע בעלי־ בתים; זיי װעלען יעצט געניסען דאָס אַנגענעהמסטע פֿון לע־ בען, דיא זיסעסטע פֿריכטע פֿון דער ציוויליזאַציאָן—און דו ? דו אָרמער טייפֿעל ? וואָס ערוואַרטעט דיך אין לעבען ?

מיעד פֿון דער שווערער פראַצע קומסט דו אין אָבענד אַ־ ריין אין אַ קליינעם, פֿינסטערן און פֿייכטען צימער, וואו פֿינף, זעכס פערזאָנען מוזען זיך צוזאַמענדריקען אויף אַ קליינעם שטח פֿון עטליכע קוואַדראַט איילען. דיין מוטער, וועמען דאָס לעבען איז שוין נמאס און מאוס, וועלכע איז פֿערעלטערט, ניט אַזוי פֿון יאָהרען וויא פֿון זאָרג, גיט דיר איין אָרעמען מאָהל־צייט פֿון ברויט מיט קאַרטאָפֿעל און אַביסעל קאַלעמוט־ נע וואַססער וואָס טראָגט דעם נאָמען „טהיי" צו פֿערטרינ־ קען. דאָרט, נאָך'ן עסען, הערסט דו איממער דעם זעלבען פזמון, דיא זעלבע טאַגעס־אָרדנונג: וואו וועל איך נעהמען מאָרגען צו בעצאָהלען דעם בעקער פֿאַר ברויט ? וואו וועל איך קריגען איבערמאָרגען צו געבען דירה־געלד ?

וואָס! ווערסט דו אויך מוזען פֿיהרען דאָס זעלבע פֿינסטערע לעבען וואס דיין פֿאָטער און מוטער האָבען געפֿיהרט דרייסיג, פֿערציג יאָהר ? ווערסט דו זיך צופֿרידענשטעללען צו אַרבייטען, דיין לעבען לאַנג, צו פֿערשאַפֿען פֿאַר איינינע דיא בעסטע תענוגים, דיא פֿערגניגונגען פֿון וואָהל־זיין, פֿון וויסען, פֿון קונסט'

און איבערלאָזען פֿאַר זיך דיא אייביגע זאָרג פֿאַר'ן שטיקעלע ברויט? וועסט דו זיך ענטזאַגען, ענטזאַגען אויף אייביג פֿון אַלעם וואָס מאַכט דאָס לעבען אַזוי שעהן, אַזוי זיס, און פֿערשאַפֿען דאָס גאַנצע גליק פֿאַר אַ הייפֿעלע פֿון ליידיג-געהער? וועסט דו אַוועק געבען דיינע בעסטע כחות אין דער שווערער אַרבייט און ניט קענען קיין אַנדער זאַך וויא זאָרגען און קאָפּ-דרעהעניש, אויב ניט עלענד און נויט, ווען דיא שלעכטע צייטען קומען אָן, דאַן, ווען דיא אַרבייט שטעלט זיך אָב? איז דאָס, אויף וואָס דו געהסט איין אין לעבען?

אָבער פֿיליכט וועסט דו זיך אין גאַנצען מיאש זיין; פֿילייכט וועסט דו אויפֿגעבען יעדע האָפֿנונג אויף בעסערעס. ניט זעהענדיג קיין אויסוועג פֿון דער שלעכטער לאַגע וועסט דו זיך אפשר טראַכטען: „אַך, גאַנצע דורות זיינען אַריבער אַלץ אין דעם זעלבען צושטאַנד, און איך, קליין מענשעלע, וואָס קען איך טהון? איך קען דאָך ניט איבערמאַכען אַ גאַנצע וועלט! איך וועל אַלזאָ אַרבייטען און זעהן צו לעבען אַזוי וויא עס לאָזט זיך . . ."

נון גוט! דאַן אָבער וועט דיר דאָס לעבען אַליין אויפֿעפֿענען דיא אויגען.

אין אַ שיינעם טאָג וועט קומען דער קריזיס, איינע פֿון יענע „שלעכטע צייטען", וועלכע זיינען שוין ניט מעהר קיין זעלטענע געסט וואָס קומען און געהען פֿערביי; אַ קריזיס וואָס הרג'עט אַוועק אַ גאַנצע אינדוסטריע, ברענגט טויזענדער פֿון אַרבייטער צו בעטעל-ברויט און טויטעט גאַנצע פֿאַמיליען.

גלייך מיט דיא איבריגע פֿריינדע דיינע, דיא אַרבייטער, ווערסט דו קעמפּפֿען געגען דיזער צרה, דו ווערסט אָבער מיעד ווערען. ווערסט זיך באַלד אַרומקוקען, אַז דיין פֿרוי, דיין קינד, דיין פֿריינד, פֿערהונגערן פֿאַר דיינע אויגען, שטאַרבען אָב פֿון שטונדע צו שטונדע און ענדיגען ענדליך זייער לעבען אויף אַן אָרימען, צוּבראָכענעם געלעגער, ווערענד דיא ליכטיגע גאַסען פֿון דער גרויסער שטאָדט זיינען פֿול מיט לעבען, מיט'ן פֿרייליכען לעבען פֿון דיא רייכע, וועלכע מאַכען זיך אַ גאַנץ קליינעם צימעס פֿון דיא וואָס קראַפּירען פֿאַר הונגער. דאַן ווערסט דו שוין פֿערשטעהן וויא שרעקליך אונזער געזעלשאַפֿט איז; דו ווערסט נאָר דענקען איבער דיא אורזאַכען פֿון דעם קריזיס און מיט אַ בליק פֿון אַ פֿאָרשענדען מענשען ווערסט דו אַריינקוקען טיעף אין דער מכה. דו ווערסט דאַן זעהן וואָס אָט דיא יעצטיגע אָרדנונג בעדייטעט, דיזער קאַפּיטאַליסטי-שער סיסטעם, וואָס פֿערטרויט דאָס לעבען פֿון גאַנצע מיל-יאָנען פֿון מענשען אויף דיא אונבאַרמהערציגקייט פֿון אַ היי-פֿעלע פּוילענצער; דאַן ווערסט דו שוין פֿערשטעהן אַז דיא סאָ-ציאַליסטען האָבען רעכט, ווען זיי זאָגען, אַז דיא יעצטיגע גע-זעלשאַפֿט מוז, אַז זיא קען אין גאַנצען איבערגעבויט ווערען פֿון קאָפּ ביז דיא פֿיס.

אַן אַנדערס מאָל, ווע דיין בעל-הבית וועט דיר וועלען אַראָברייסען נאָך עטליכע סענט פֿון דיין מאָגערן לוין, אום צו פֿערגרעסערן זיין פֿערמעגען, ווערסט דו פּראָטעסטירען: ער וועט דיר אָבער ענטפֿערן מיט שטאָלץ: „געה לייג דיא ציין אויף דיא פּאָליצע, אויב דו ווילסט ניט אַרבייטען פֿאַר דעם פּרייז." דאַן ווערסט דו בעגרייפֿען, אַז דיין מייסטער שטעלט זיך ניט

צופֿרידען מיט דעם וואָס ער שערט פֿון דיר דיא וואָל אַזוי וויא פֿון אַ שעפּס, נאָר ער האַלט דיך איבערהויפּט פֿאַר אַ נידעריגע סאָרט חיה; ניט גענוג וואָס ער האַלט דיך אין זיינע לאַפּעס דורך דאָס לאָהן-סיסטעם, וויל ער דיך מאַכען פֿאַר אַ פֿערקויפֿטען, פֿאַר אַ שקלאַוו אין אַללע הינזיכטען דאַן, איינס פֿון דיא צוויי: ענטוועדער דו ווירסט איינבויגען דעם רוקען, וועסט דערשטיקען אין דיר יעדעס געפֿיהל פֿון זעלבסט-ווירדע און דו וועסט זיך איינגעוואוינען צו יעדער ער-נידעריגונג; אָדער דאָס בלוט וועט אין דיר אויפֿקאָכען, דוא וועסט ווערען אַן עזות-פּנים, וועסט ענטפֿערן און קריגען דיא סעק . . . דאַן, זיך אַרומדרעהענדיג אין דיא גאַסען, אָהן ארבייט וועסטו פֿערשטעהן, אַז דיא סאָציאַליסטען האָבען רעכט ווען זיי זאָגען: „רעוואָלטיר! רעוואָלטיר געגען דיא עקאָנאָ-מישע שקלאַפֿעריי!" און דו וועסט אַריינקומען אין אונזערע רייהען און אַרבייטען מיט אונז אין איינעם פֿיר דיא פֿערניכ-טונג פֿון אַללע שקלאַפֿערייען: עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און סאָציאַלע.

אין אַ שיינעם טאָג וועסט דו ערפֿאַהרען דיא געשיכטע פֿון דיינע אַ בעקאַנטע, יענעם שיינע מיידעל וואָס דו האָסט אַ מאָל אַזוי בעוואונדערט פֿאַר איהר ליעבליכען בליק, פֿאַר איהר פֿיינע אויפֿפֿיהרונג, פֿאַר איהר פֿרייליכע בעוועגונג. נאָך דעם וויא זיא האָט יאָהרען לאַנג געליטען נויט, האָט זיא זיך אַ-ירבערגעקליבען פֿון'ם דאָרף, וואו זיא איז אויפֿגעצויגען גע-וואָרען, און דער גרויסער שטאָדט אַריין. זיא האָט גאַנץ גוט יעוואוסט, אַז זיא וועט דאָרט קיין האָניג ניט לעקען, אָבער זיא האָט געהאָפֿט, אַז זיא וועט דאָרט אַם וועניגסטענס קע-

נען פֿערדיענען עהרליך איהר שטיקעל ברויט. נון, דו ווייסט יעצט וואָס פֿון איהר איז געוואָרען . . . צוגעצויגען פֿון דיא שיינע רייד פֿון אַ יונגען בורזשואַ האָט זיא זיך צו איהם אי-בערגעגעבען מיט דעם גאַנצען פֿייער פֿון איהר יונגער ליעבע און אין אַ יאָהר אַרום איז זיא געבליבען אַליין, פֿערלאָזען, מיט אַ פּיצעלע קינד אויף דער האַנד. . . זיא האָט פֿונדעסט-וועגען ניט אויפֿגעהערט צו קעמפּפֿען, אָבער זיא האָט געמוזט פֿאַלען, און אַך! אין דיזען אונגלייכען קאַמפּף געגען הונגער און קעלט איז דיא אונגליקליכע געשטאָרבען ווער וויים אין וועלכען שפּיטאָל . . .

יאָ, וואָס פֿאַר אַן איינדרוק וועט אָט דיא טרויריגע געשיכ-טע מאַכען אויף דיר? ענטוועדער דו וועסט זוכען צו פֿער טרייבען דיזען אונאַנגענעהמען אַנדענקען דורך עטליכע נאַ-רישע ווערטער. „עט, דאָס איז ניט דיא ערשטע און ניט דיא לעצטע", וועסט דו זאָגען, און איין אַ שיינעם אָבענד וועסט דו זיך געפֿינען אין אַ קאַפֿע-הויז און, אין דער געזעלשאַפֿט פֿון אַנדערע גראָבע יונגען, וועט דער אַנדענקען פֿון דיזער אונגליקליכער פֿרוי בעשמוצט ווערען דורך אייערע גראָבע רייד. אָדער דיזע געשיכטע וועט דיר ריהרען דאָס האַרץ; דו וועסט אויפֿזוכען דעם שאַרלאַטאַן, וואָס האָט איהר פֿעראונ-גליקט, און וועסט איהם וואַרפֿען זיין פֿערברעכען אין פּנים אַריין. דו וועסט נאָכדענקען איבער דיא אורזאַכען פֿון דיזע שרעקליכע טראַגעדיען, וועלכע ווידערהאָלען זיך יעדען טאָג, און דו וועסט בעגרייפֿען, אַז זיי וועלען ניט אויפֿהערען כּל זמן דיא געזעלשאַפֿט וועט זיין צוטהיילט אין צווייען: אין אונגליקליכע, אין הונגעריגע פֿון איין זייט און זאַטע ליידיג-

יעהער פֿון דער אַנדערער זייט. דו וועסט פֿערשטעהן, אַז עס איז שוין צייט צו מאַכען אַן ענדע מיט דיזער פֿערברעכערי-שער איינריכטונג און דו וועסט זיך אַריינוואַרפֿען אין׳ם לאַ-גער פֿון דיא סאָציאַליסטען.

און איהר, פֿרויען פֿון פֿאָלק, וועט אייך דאָס אַללעס ניט ריהרען? וועט עס ניט אָנוואַרעמען אייערע הערצער? גלע-טענדיג דאָס בלאָנדע קעפּעלע פֿון אייער קינד, וואָס טולעט זיך צו צו אייך, וועט איהר ניט דענקען אָן דעם שיקזאַל וואָס ערוואַרטעט איהם, אויב דער יעצטיגער סאָציאַלער צושטאַנד וועט זיך ניט ענדערן? וועט איהר ניט דענקען אָן דער צו-קונפֿט וואָס ערוואַרטעט אייער יונגע שוועסטער און אייערע אייגענע קינדער? ווילט איהר, אַז אייערע זיהן זאָלען זיך אויך מאַטערען פונקט אַזוי וויא אייער פֿאָטער האָט זיך געמאַטערט, אין שטענדיגער זאָרג פֿאַר׳ן שטיקעלע ברויט, אָהן אירגענד וועלכען אַנדערען פֿערגעניגען וויא דעם פֿון שענק? ווילט איהר אַז אייערע מעננער און אייערע קינדער זאָלען אימער זיין וויא אַ סחורה געקויפֿט צו ווערען פֿון׳ם ערשטען בעסטען, וועלכער האָט גע׳ירש׳ענט פֿון זייער פֿאָטער אַ קאַפּיטאַל צו עקספּלואַטירען דערמיט? ווילט איהר, אַז זיי זאָלען אימער בלייבען דיא שקלאַפֿען פֿון׳ם בעל-הבית, זיך לאָזען דערשיסען אין דיא מלחמות, און ענדליך דיענען, אויס-מיסטיגען מיט זייערע טויטע קערפּער דיא פֿעלדער פֿון דיא רייכע?

ניין, טויזענד מאָל ניין! איך ווייס גאַנץ גוט, אַז אייער

הארץ האָט אין אייך געקאָכט, ווען אייערע מעננער האָבען געמוזט אויפגעבען א סטרייק, וועלכען זיי האָבען אַזוי מו-טהיג, אַזוי ענטשלאָסען אָנגעפיהרט; ווען זיי האָבען געמוזט, מיט אַראָבגעלאָזענע קאָפּ, אָננעהמען דיא בעדינגונגען, וועלכע דער אָבגעפרעסענער קאַפּיטאַליסט האט זיי מיט אַ טאָן פון פעראַכטונג געשטעלט. איך וויים, אַז איהר בעוואונדערט דיא שפאַנישע פרויען וועלכע געהען, אָהן מורא, פאָראויס אין דער רייהע, ווען עס ברעכט אויס אַ פאָלקס-אויפשטאַנד; יענע מו-טהיגע פרויען, וועלכע שטעלען אויס זייערע הערצער אַנט-קעגען דיא ביקסען פון דיא סאָלדאַטען. איך וויים, אַז איהר דערמאָנט מיט רעספעקט דעם נאָמען פון יענער העלדישער פרוי, וועלכע האָט דורכגעלעכערט מיט אַ קויל פון איהר רע-וואָלווער דיא ברוסט פון יענעם ברוטאַלען בעאַמטען, ווען ער האָט זיך ערלויבט צו פערגוואַלטיגען אַ סאָציאַליסט אין אַ קעמערל פון תפיסה. איך וויים גאַנץ גוט, אַז אייער הארץ האָט געקלאַפּט, ווען איהר האָט געלייענט, וויא אַזוי די פרויען פון׳ם פאַריזער פראָלעטאַריאַט האָבען זיך פערזאַממעלט, און אונטער אַ שרעקליכען רעגען פון פייעריגע קוילען האָבען זיי אויפגעמונטערט זייערע מעננער צום קאַמפף.

יאָ, איך וויים עס, און דערפאַר צווייפעל איך ניט, אַז איהר וועט אויך ניט בלייבען שטעהן פון ווייטען; אַז איהר וועט זיך פעראייניגען מיט אונז צו אַרבייטען פאַר דיא עראָבערונג פון דער צוקונפט.

איהר אַללע, ערנסטע יונגע לייט, מענער און פרויען, בויערן אַרבייטער, בעאַמטע און סאָלדאַטען—איהר פערשטעהט אייער

רעכטע און איהר וועט דאַרום אַריין אין אונזערע רייהען. איהר וועט קומען צו אונז, אייערע ברידער, און אונז העלפֿען פֿאַרבעררייטען דיא רעוואָלוציאָן, אַך! דיא הערליכע רעוואָלוציאָן, וועלכע וועט פֿערניכטען יעדע שקלאַפֿעריי, וועט צוברעכען אַללע קייטען, וועט אַוועק מאַכען מיט אַללע אַלטע טראַדיציאָנען און וועט שאַפֿען פֿאַר דער מענשהייט אַ נייע, גאַנץ נייע וועלט; דיא רעוואָלוציאָן, וועלכע וועט ענדליך ברענגען דיא **וואהרע גלייכהייט**, דיא **אמת'ע פריי־הייט**: דיא **ארבייט** פֿיר **אלעמען**, און פֿאַר אַלעמען דער פֿולער גענוס פֿון דיא פֿריכטע פֿון זייער אַרבייט, דער פֿולער גענוס פֿון אַללע זייערע אייגענשאַפֿטען; דאָס ראַציאָנעלע, מענשליכע און גליקליכע לעבען!

זאָל מען אונז נאָר ניט איינריידען, אַז מיר, אַזאַ קליין הייפֿעלע פֿון מענשען, זיינען צו שוואַך צו עררייכען דעם ערהאַבענעם ציעל, צו וועלכען מיר שטרעבען!

לאָמיר זיך אַקאָרשט איבערציילען און מיר וועלען זעהן וויפֿיעל מיר זיינען עס, וועלכע ליידען פֿון אונגערעכטיגקייט!

מיר, בויערן, וועלכע אַרבייטען פֿאַר יענעם, עסענדיג אַליין דיא קלייען, אום צו לאָזען דיא בעסטע זעמעל־מעהל פֿאַר דעם פריץ, דעם בעל־הבית, מיר זיינען מיליאָנען מענשען אונזער צאָהל איז אַזוי גרויס, אַז מיר אַליין קענען צוזאַמענשטעלען דיא מאַסע פֿון'ם פֿאָלק.

מיר, אַרבייטער, וועלכע וועבען זייד און סאַמעט, אום אַליין צו געהן אין שמאַטעס און טראַנטעס, מיר זיינען גאַנצע מאַסען, און ווען דער סיגנאַל פֿון דיא פֿאַבריקען ערלויבט

אונז צו האָבען אונזער ווײלע רוה, פֿערפֿלײצען מיר דיא גאַ־סען אַזוי וויא אַ טײך וואָס געהט אַריבער.

מיר, סאָלדאַטען, וועמען מען פֿיהרט ביי דער נאָז איממער אונטער'ן קאַנטשיק; מיר, וועלכע קריגען דיא קײלען, אום אונזערע עלצטע זאָלען קענען האָבען דיא מעדאַלען און דעם כבוד: מיר, שוטים, וועלכע האָבען ביז אַהער ניט גע־וואוסט פֿון קײן אַנדער זאַך נאָר צו שיסען אויף אונזערע ברידער—מיר וואָלטען דאָך נאָר געדאַרפֿט זיך אומקעהרען מיט אַ שטרענגען בליק צו אונזערע עטליכע אויבגעפוצטע, מיט מעדאַלען בעהאַנגענע קאָמאַנדירער און פֿון זיי וואָלט געוואָרען אַש . . .

מיר אַללע, וועלכע לײדען און ווערען אונטערדריקט טאַג־טעגליך, מיר זיינען אַזאַ מאַסע וואָס קײן מענש קען ניט אי־בערציילען; מיר זיינען דער אָקעאַן וואָס שלינגט איין אַלעס.

ווען מיר וועלען נאָר האָבען דעם **ווילען** צו **טהאָן**, דאַן וועט געווּנג זיין איין אויגענבליק, אַז דיא גערעכטיגקייט זאָל קומען! אין יענעם מאָמענט וועלען אַללע טיראַנען קײען דיא ערד! . . .

ענדע